№ 14 … opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljot. Jagiellońska, Kraków, św. Anny 19

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אליע 6. — טעלעפאן 291

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 291.

Czwartek d. 5 kwietnia 1934 | ליכט-צינדען פרייטאג 6.00 | דאנערשטאג ד" דהוה"מ פסח תרצ"ד.

פוילישער יוד, ערפיל דייז חוב פאר דיינע אומגליקליכע ברידער פון דייטשלאנד!

VIII Walne Zgromadzenie Banku Spółdz Przemysłowców i Kupcòw z ogr. odpow. odbędzie się w niedzielę 22 kwietnia o godz. 16-ej w lokalu Stow. Przem. i Kupców, Aleja Wolności 3-5.

PORZĄDEK OBRAD: 1) Zagajenie Zgromadzenia i wybór przewodniczącego. 2) Odczytanie protokułu poprzedniego Walnego Zgromadzenia. 3) a) Sprawozdanie Zarządu za 1933 rok, b) Odczytanie bilansu i rachunku strat i zysków za 1933 rok, c) Sprawozdanie Rady Nadzorczej za 1933 rok. 4) Odczytanie sprawozdania z rewizji, dokonanej z ramienia Związku Żydowskich Towarzystw Spółdzielczych w Polsce. 5) Przyjęcie bilansu i udzielenie absolutorjum Zarządowi i Radzie Nadzorczej. 6) Podział zysków. 7) Budżet na rok 1934 8) Uchwalenie najwyższej sumy zobowiązań, jakie spółdzielnia może zaciągnąć. 9) Oznaczenie granic najwyższego kredytu, jaki może być udzielony jednemu członkowi. 10) Wybory: a) Jednego członka Zarządu i 3-ch zastępców zamiast ustępujących, b) 3-ch członków Rady Nadzorczej i 3-ch zastępców zamiast ustępujących. Ustępują: z Zarządu p. Stanisław Prusicki, z Rady Nadzorczej pp. Dyr. Roman Markowicz, Dr. Bolesław Helman i Jakób Rozenberg. UWAGA: Członkowie ustępujący mogą być wybrani ponownie.

די 8-טע יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער קאאפ. סוחרים און פאברי-קאנטען-באנק מיט בעגר. פעור. קומט פאר זונטאג, ד. 22-טען אפריל 4 נאכמיטאג אין לאקאל פון סוחרים און פאבריקאנטען-פעראיין אליע וואל-נאשטשי 3—5

טאג-ארדנונג: 1) ערעפנונג און וואהלען פון א פארזיצענדען. 2) פארלעזען דעם פראטאקאל פון דער פריערער אלגעמיינער פערזאמלונג 3) א. בעריכט פון דער פערוואלטונג פאר'ן יאהר 1933. ב. פארלעזען דעם בילאנס און רעכנונג פון היזקות און ריוח פאר'ן יאהר 1933. ג. בעריכט פון דער אויפזיכטס-מאכט פאר'ן יאהר 1933. 4. פארלעזען דעם בעריכט פון דער קאנטראל, וועלכע איז אדורכגעפיהרט געווארען דורך דעם פערבאנד פון די יודישע קאאפעראטיווע בענק אין פוילען. 3) אננעמען דעם בודזשעט און ערטיילען אבסאלוטאריום דער פערוואלטונג און אויפזיכטס-ראט. 6) צוטיילען דעם ריוח. 7) בודזשעט פאר'ן יאהר 1934. 8) בעשטימען די גרעניץ פון די העכסטע פערפליכטונגס-סומע וועלכע די באנק קען אויף זיך נעמען. 9) בעשטימען די גרעניץ פון דעם העכסטען קרעדיט פאר א מיטגליד. 10) וואהלען: א. פון 1 פער-וואלטונגס-מיטגליד און 3 פערטרעטער אנשטאט די אבטרעטענדע. ב. 3 מיטגלידער פון אויפזיכטס-ראט און 3 פערטרעטער. עס טרעטען ארויס: פון דער פערוואלטונג ה' סט. פרושיצקי, פון אויפזיכטס-ראט: דיר. ר. מארקאוויטש, ד"ר ב. העלמאן און יעקב ראזענבערג.

בעמערקונג: אבטרעטענדע מיטגלידער קאנען אויפסניי ווערען געוועהלט.

ב"ע

לייביש נאוואק

סוחר און הויז - בעזיצער

איז געשטארבען נאך קורצע און שווערע ליידען אין עלטער פון 67 יאהר.

די לויה איז פארגעקומען מאנטאג, ד. 1-טען טאג חוה"מ פסח תרצ"ד (ד. 2-טען אפריל 1934 י.)

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאנק די ה"ה דאקטוירים: וורזשעשניאווסקי, מיקולסקי, כרל. ווייסבערג, ד. קאגאן, וויגאויך דעם פערסאנאל פון יודישען שפיטאל, וועלכע האבען ערנסט און פליכט-טריי בעהאנדעלט אונזער געטרייען פאטער בעת זיין קראנקהייט.

אויך דאנקען מיר די אלע, וועלכע האבען גענומען אנטייל אין דער לויה און אבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טייערען נפטר.

די אין טיפען טרויער פערבליבענע

פרוי, זיהן, טעכטער, איידעמס, שנירען, אייניקלעך און פאמיליע.

מ. ש. הירש'ס שולע

ווארשאווער № 8

נעמט שוין אן צום נייעם זמן תלמידים, צום יודישען אונטערריכט פון אנפאנג ביז תנ"ך און גמרא. פעהיגע ווערען געשולט אלס בעלי - קריאה (בעל קורא) פון בעסטען טיפ עפ"י כללי הדקדוק.

ערקלערונג.

אין צוזאמענהאנג מיט דער מעלדונג, וואס איז געווען גע-דרוקט אין דער „טשענסטאכאווער צייטונג" № 13 פון 30 מערץ ד. י. ערקלער איך, אז מיין אויוען אויסצובאקען מצות האט נישט געדינגען ה' ווינדמאן פישעל, וועלכער איז ביי מיר געענצליך נישט געוועזען, נאר געדינגען האט איהם דער בעקער-צעך. עס שטימט אויך נישט מיט'ן אמת, אז איך האב געשטערט צו באקען מצות דערפאר, ווייל ער איז נישט געשטאנען אונטער דער השגחה פון ראבינאט, נאר צוליעב דעם, וואס מיין אויוען איז נישט געווען פעהיגצום אויסבאקען.

גלייכצייטיג ענטשולדיג איך זיך פאר'ן ה' פישעל ווינדמאן, וועלכער איז אומזיסט בעשולדיגט געווארען.

ליימער געלקאפף

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. K.Kosteckiego
w lokalu własnym Waszyngtona 6, przyjmuje zapisy na kursy, lekcje oddzielne codziennie od 10 rano do 9 w.
Opłata za lekcje przystępna
שבת 7 ד.ה. 8 אווענד פראקטישע לעקציע פאר יודישע געזעלשאפט און אויך יעדען שבת אווענד. לעצטע מוזיק - שלאגערם. ביליגע פרייזען.

PODZIĘKOWANIE.

Wielce Szan. P. Dyrektorowi Wł. Krzemińskiemu Właścicielowi Kina „Eden" składa wyrazy serdecznego podziękowania za ofiarowane zł. 150. — na akcję wielkanocną dla biednych Żydów.

Zarząd Gminy Wyzn. Żyd. w Częstochowie.

Koledze D-rowi Feliksowi Nowakowi
z powodu zgonu Jego Ojca
b. p. LUDWIKA
wyrazy szczerego współczucia składają
Lekarze Szpitala Żydowskiego na Zawodziu.

דער פאמיליע נאוואק
צוליעב'ן טויט פון זייער ליעבען מאן און פאטער
נ"ע לייביש
אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.
ה. היפשער און פרוי.

OGŁOSZENIE.

Zapisy dzieci
do Szkół Powszechnych № 12, 13 i 15
trwać będą od niedzieli 8-go do 15-go kwietnia. Zapisy odbędą się w szkole przy ul. Narutowicza № 19—23.

Dzieci urodzone w latach 1922, 1923, 1924, 1925, 1926, 1927 i 1928, które do szkoły nie uczęszczają, jak i te, które do szkoły już uczęszczają obowiązane są przynieść metrykę urodzenia. Rodzice powinni opłacić pewną kwotę na rzecz szkoły.

UWAGA: Bez metryki dziecko nie zostanie zapisane.

Panu Doktorowi Feliksowi Nowakowi
z powodu zgonu Ojca Jego
b. p. LUDWIKA
składamy wyrazy szczerego współczucia.
Zarząd Szpitala Towarzystwa Dobroczynności dla Żydów
w Częstochowie.

דער פאמיליע רושעוויטש צוליעב דעם טויט פון זייער פאטער
נ"ע מרדכי
דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.
קרויפין. א. אלעקסאנדראוויטש, מ. איזביצקי, וו. גראנעק, י. אלטמאן, פ. פוקס, ר. גראנעק, ה. בעסער, ע. סעגאל און ע. בוימאן.

פאַרוואָס שווייגען זיי פּאָרט?

שוין עטליכע מאָל איז אונז אויסגעקומען אויפמערקזאַם צו מאַכען דעם אַנטי-היטלער-קאָמיטעט אין אונזער שטאָדט אויף דעם שטילשטאַנד, וואָס הערשט דאָרט פון דער ערשטער מינוט אָן, זינט ער איז געגרינדעט געוואָרען.

אין פוילען, ווי אין דער גאַנצער וועלט, קומען פאָר פון צייט צו צייט פערשידענע אַקציעס געגען די היטלער-באַנדעס, וואָס ס'דריקט זיך אויס אין באָיקאָט-פּראָפּאַגאַנדע, אָדער אין זאַמלונגען לטובת די פליטים. אַנ'אויסנאָהם אָבער איז אונזער שטאָדט. נישט עס קומען פאָר זאַמעל-אַקציעס, נישט קיין אויפקלערונגס-פערזאַמלונגען וועגען ווייטער אַנהאַלטען דעם באָיקאָט אויף דייטשע סחורות. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז מיר האָבען גאָרנישט מעהר צו זאָגען וועגען דער היטלעריאַדע, אַז אַלץ איז שוין אין בעסטען אָרדנונג. און ווען עס איז אפילו יאָ אַזוי דאַרף מען דאָך דאָס אויך וויסען. פאַרוואָס זאָלען מיר טאַפּען אין דער פינסטער, פאַרוואָס זאָל מען האָבען פעראיבעל אויף אַ קליינהענדלער, וועלכער האַנדעלט מיט אַביסעל געשמוגעלטע פאָמעראַנצען פון דייטשלאַנד, אינדערצייט ווען עס איז אונז נישט בעוואוסט, צי דאָס איז לויט'ן פּאַראַגראַף פון היגען אַנטי-היטלער-קאָמיטעט טריפה.

מיר ערקלערען אָפען, אַז מיר זענען נישט אויסען צו קריטיקירען דעם אַנטי-היטלער-קאָמיטעט גלאַט לשם קריטיק. אויב מיר טהוען פון צייט צו צייט דאָך דערין דערמאַנען דעם אַנטי-היטלער-קאָמיטעט, איז עס דערפאַר, ווייל צו אונז ווענדען זיך אַ רייה לעזער און מיר קאָנען זיי וועגען דעם גאָרנישט ענטפערן.

דער צענטראַלער אַנטי-היטלער-קאָמיטעט אין וואַרשא האָט פּראָקלאַמירט אויף די פּסח-טעג אַנ'איינמאָליגע זאַמעל-אַקציע אונטער דער לאָזונג: „די זעלבסטבעשטייערונג אויפ'ן קאַמף מיט'ן היטלעריזם איז אונזער נאַציאָנאַלער חוב", און ווי מיר לעזען די וואַרשאווער און פּראָווינצער פּרעסע, זענען כמעט אין אַלע שטעדט אין פוילען איינגעאָרדענט געוואָרען אין די פּסח-טעג די דאָזיגע אַקציעס. טאָ פאַרוואָס שווייגט טשענסטאָכאָוו, פאַרוואָס איז דאָ טויט-שטיל?

די עטליכע נאָטיצען, וועלכע מיר האָבען שוין וועגען דאָזיגען ענין געשריבען זענען דורכ'ן היגען אַנטי-היטלער-קאָמיטעט אַדורך מיט שווייגען. מען קאָן זיין מעהר ווי זיכער, אַז אויך דאָס יעצטיגע מאָל וועט אונזער בעמערקונג בלייבען אָהן אַנ'ענטפער. וואָס זיי זענען אויסען דערמיט, איז אונז נישט בעוואוסט. די יודישע געזעלשאַפט פאָדערט אָבער אַנ'ענטפער און אַזעלכען מוזען מיר בעקומען פון אַנטי-היטלער-קאָמיטעט, אין אונזער שטאָדט, וועלכער איז אַנגעשלאָסען אין דער צענטראַלע און דאַרף אויספיהרען איהרע פעראָרדנונגען, כדי צו וויסען אין וואָס עס בעשטעהט זייער טעטיגקייט און דער עיקר – פאַרוואָס שווייגען זיי פּאָרט?

ב–ן.

עובדי' הכהן

דאָס פּערפּאַלגטע פּנים.

צו וואָס פּראָפּאַגאַנדע—אַז די פאַקטען רעדען פאַר זיך.

(סקיצע).

יאָסעלע'ן, ר' חיים-נתן לאַנדוי'ס בן-יחיד, וואָלט געקאָנט וואויל און גוט זיין. אַליין—זעהר אַ געראַטענער יונגערמאַן, אַ שלאָסער-מעכאַניק, אַ אומן-יד—וואָס די אויגען זעהען מאַכען די הענד.

עס וואָלט טאַקי גאָר וואויל געוועזען, ווען אין דער זאַך וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט אַנ'אַלט ירושה-ספר—דאָס „ספר-חסידים". שולדיג איז אייגענטליך נישט אַזוי ווייט דאָס ספר גופא, ווי די פאָדערטאָוועל זיינע, אויף וועלכע עס שטעהט אויסגעצייכענט מיט אַנ'אַלטע פען-שריפט, שוואַרץ אויף ווייס, די לאַנגע יחוס'דיגע אָבשטאַמונג פון דער משפחת לאַנדוי; אַ יחוס פון לויטער רבנים, „טייערע יודען" און לומדים ביז צום מחבר פון אָט דעם ספר – דער גרויסער רבי יהודה החסיד.

נישט שטענדיג איז דאָס דאָזיגע ספר מיט'ן לאַנגען יחוס-בריעף אויפ'ן שער-בלאַט געוועזען אַ מקור פון אומגליק פאַר דער משפחה. געוועזען אַמאָל צייטען, ווען צוליעב דעם דאָזיגען יחוס-בריעף איז די משפחה לאַנדוי געוועזען אַרומגעהילט מיט'ן גרעסטען כבוד און רוהם. מעהר ווי איינמאָל האָט עס אויך געטראָפען, אַז דער יחוס-בריעף איז דורך יאָסעלע'ס עלטער-זיידעס עקספּלאָאַטירט געוואָרען צו מאַטעריעלע צוועקען; דעם יחוס-כבוד האָט מען פערקויפט און אויסגעטוישט אויף זילבערנע און קופערנע מטבעות. נישט פאַר זיך, פאַר אייגענעם נוצען ח"ו – נור פאַר טובת-הכלל.

עס האָט געטראָפען – וואָס עס זאָל שוין מעהר נישט טרעפען – אַז אַ שפנות'דיג שטעדטיל איז אָבגעבראַנט געוואָרען, אָדער עס האָט זיך גראָד געמאַכט אַ גרויסע און וויכטיגע מצוה פון פדיון-שבוים. – דעמאָלס האָט דער בעטרעפענדער פאַרשטעהער פון דער פאַמיליע לאַנדוי (על-פי-רוב אַ יוד אַ אָבגעזונדערטער און פערשלאָסענער אין זיך, וואָס האָט קיינמאָל זיינע מחשבות נישט געוואָלט מפסיק זיין מיט אַ איבעריג וואָרט) געמוזט אָנטהון דעם שאַפען-פעלץ, אָדער דעם טולופּ און זיך אַרויסלאָזען איבער'ן שטעדטיל, געהן פון הויז צו הויז, אום די נויטיגע סומע צונויפצוזאַמלען. און ווי עס האָט גישט געזאָלט זיין – האָט אַזאַ אַנשטרענגונג תמיד געהאָלפען. יודען האָבען געשיט מיט די שענסטע נדבות איבער'ן יכולת. עפּעס אַ קליינינקייט פאַר אַ פשוט'ען יוד – אַזאַ כבוד! – דער שענסטער יוד, למדן און נגיד פון שטעדטיל האָט זיך פערקליבען צו איהם און פערלאַנגט גאָר פון איהם אַ טובה; טאַקי נישט פאַר זיך, נור פאַר אַ „דבר-טוב" – אָבער נישט-קשה, אַזאַ יוד גיט מען נישט קיין געלד בלויז לשם מצוה וועגען. ער בעצאַהלט דערפאַר „טבין ותקילין", איבערלאָזענדיג אין דער אָרימער שטוב אַ שפאָר ביסעל פון זיין אייגענעם גע'ירש'ענטען כבוד.

אַזוי איז עס געוועזען אַמאָל ביי יאָסעלע'ס זיידעס. דער גלגל החוזר בעולם שטעהט אָבער נישט. ער דרעהט זיך כסדר אָהן אויפהער. דרעהענדיג זיך ברענגט ער תמיד אַפּער און הויבט אויף מיט זיינע שטאַפּלען – נייע ווערטהען, נייע מענשען; און ער לאָזט צוריק אַרונטער אין פערגעסענהייט – די אַלטע.

נייע צייטען אין שטעדטיל אָנגעקומען און צוזאַמען מיט זיי זענען אויפגעקומען נייע חשובים. אַנשטאָט דעם אַמאָליגען השיבות פון יחוס און אָבשטאַמונג, אַנשטאָט דעם דרך-ארץ פאַר חכמה און פערשטאַנד – איז אויפגעקומען אַ נייע חשיבות, אַ חשיבות פון געלד און אַ דרך-ארץ פאַר קראַפט און מאַכט.

שוין יאָסעלע'ס פאָטער האָט דערפיהלט די צייט-ענדערונג. ער האָט געפיהלט, ווי פון טאָג צו טאָג רייסען זיך אַריין אין די גרעניץ און סטרעפע פון זיין איינפלוס פרעמדע, גאָר פרעמדע. זיי רייסען און רויבען אַוועק גאַנצע שטיקער פון זיין איינציגען נאָך פערבליבענעם ירושה-פערמעגענט – פון זיין כבוד. ער פיהלט עס אויף טריט און שריט.

אין אָנהויב האָט ער עס דערפיהלט אין די חוצפה'דיגע, דורכשטעכענדע בליקען פון די אויפגעקומענע גבירים. זייערע בליקען רעדען מיט צעהן מיילער און זיי זאָגען: „קוקסט איהם נאָר אָן דעם פענטאַק אייגעם! אָט, האָסטו דאָך נישט אפילו אונזער מיסט צו בעצאָהלען. דיין יחוס ליגט אויפ'ן בית-הקברות, היינט זענען מיר, אויב דו ווילסט נישט האָבען אַ סוף – רוק זיך אָב בעצייטענס, פענטע דיך נישט פאַר די פיס, מאַך פלאַץ פאַר אַנדערע".

תחילת האָט ער עס נור פון זייערע בלויזע בליקען דערפיהלט. – באַלד האָט ער עס אויך אָנגעהויבען דערהערען אין זייערע הויך-שרייענדיגע עסהאַרצישע שטעך-ווערטלעך, וועלכע זיי שליידערן איהם שוין אָפען אין פּנים אַריין.

ר' חיים-נתן ענטפערט דערויף גאָרנישט; ער זאָגט גאָרנישט. בלויז אין זיין שוואַרץ-זיידענער באָרד, האָבען זיך גענומען מיטאָמאָל אַריינפלעכטען געדיכטע גרויע לאָקען און אין זיין איינגעפאַלענעם פּנים פאַלט יעדער שטעכעדיגער בליק, יעדעס שטעך-וואָרט, ווי אַ פייל אין אַ מויער פון אַ אַלטע פעסטונג, איינקריצענדיג און איבערלאָזענדיג נאָך זיך טיפע צונויפגעפאַלדעוועטע שפאַלטען.

און עס מעהרען זיך פון טאָג צו טאָג די שפעלטלעך אין די מויער פון דעם אַלטען דורות-לאַנגען פעסטונג, ביז, ביז – איינמאָל האָט זי זיך, די מויער, אין די העלפט איינגעבראָכען.

– ר' חיים-נתן איז חרוב-קראַנק געוואָרען. לאַנג געקרענקט האָט ער נישט. אויף זיין גוסס'דיגען בעט זענען זיינע לעצטע ווערטער און צוואה צו זיין בן-יחיד געוועזען: „יאָסעלע, איך געה אַוועק פון דער וועלט, איך לאָז דיך איבער מיט דער מאַמען דיינער אַליין, אָהן מיטלען און אָהן אַ נאָמען. אַ נייע – גאָר אַ נייע צייט רוקט זיך אָן, אַ צייט פון שטאָהל און אייזען. געה לערן דיך אַ מלאכה. אויב ח"ו עס איז דיר שוין נישט מעהר בעשעהרט אַ לעבען בעגלייט פון כבוד און רוהם, טאָ זאָלסטו מינדעסטענס בעהיט ווערען פון צו זיין דאָס ציעל-ברעט אין וועלכען עס זאָל אָנשלאָגען יענץ ווילדע געלעכטער, מיט וועלכען עס לאַכט דער אָנקומענדער היינט פון אַוועקגעהענדען נעכטען – – –

עהרליך האָט יאָסעלע מקיים געוועזען די צוואה פון זיין פאָטער. קוים אויפגעשטאַנען פון די „שבעה" איז ער באַלד אַוועק צום בעסטען שלאָסער-מייסטער פון שטאָט, צו בעריל שפּיזמאַן. מיט דערזעלבער התמדה און עקשנות, מיט וועלכע זיינע עלטערן האָבען געשמידט די שווערע סעיפים פון „חושן-משפט" און „יורה-דעה" – מיט דערזעלבער פערביסענער התמדה און עקשנות האָט ער זיך יעצט צוגעשפּאַרט צום שרויבשטאַק און צו דער בויער-מאַשין. נישט לייכט איז איהם אין אָנהויב אָנגעקומען, דאָס אַדורכפיילען די דריי-צאָליגע שטאָהלענע פּלאַטען. מיט דער איינגעבוירענער שטילער תלמיד-חכמ'שער עקשנות, איז ער אָבער אַלע שוועריגקייטען בייגעקומען. – – –

אייגענטליך איז יאָסעלע יעצט שוין ביי זיין ציעל. ער האָט די שווערע „התחלה" און די האַרטע אַרבייט פון אַ לעהר-יונג אויסגעהאַלטען. ער האָט שוין אין טאַש אַ גוטע „שוויאַדעצטוואָ". בעריל שפּיזמאַנ'ס אַ „שוויאַדעצטוואָ" איז נישט עפּעס פון די דברים-קטנים. עס איז, להבדיל, פונקט אַזוי ווי אַ „סמיכה" פון „חלקת-יואב". אַזאַ „פּאַפּירעל" וועט מען מיט דער האַנד נישט אָוועקמאַכען. עס איז תמיד און איבעראַל גילטיג.

עס וואָלט איהם, יאָסל'ען, טאַקי געווען וואויל און גוט. אַלץ איז איהם געלונגען בעסער, פיעל בעסער, ווי זיין פאָטער ע"ה אַליין האָט עס זיך געקאָנט פאָרשטעלען. עס איז איהם, דעם דאָזיגען איידעלען יונגענמאַן געלונגען: אַ זיך דאָס פאַך אויסצולערנען, אַ זיין גאַנצען רייכען לעבענס-שטייגער צו ענדערן און זיך צו זיין נייער לאַגע צוצופּאַסען. נור איין זאַך לאָזט זיך גישט מאַכען. דאָס פּנים – דאָס פּנים און דאָס קול לאָזט זיך נישט ענדערן. ער איז געבליבען דער זעלבער דער שטילינקער „שטיבעל-בחור" פון אַמאָל, דאָס „איידעלע קינד" – דאָס „אייניקעל" פון ר' יהודה החסיד.

פערהאָרטעוועט איז טאַקי די הויט פון זיינע הענד; אָבער אויף זיין פּנים ליגט אויסגעגאָסען קלוגשאַפט, סבלנות און טאָלעראַנץ – אויסגעפרעגט און אויסגעהאַמערט דורך אַרבייט און זעלבסטדערציהונג פון לאַנגע דורות. פון זיינע טיפע שוואַרצע אויגען קוקט אַרויס: די ליידען און פיין, דאָס ריינע און קאָנסעקוועטע געוויסען פון זיינע אַלטע זיידעס. און אַזאַ פּנים, אַזאַלכע אויגען זענען נישט מעהר „מאָדערן". עס גע-

(סוף–זייט 5).

(48

די לעצטע טעג פון יהודה

היסטאָרישער ראָמאַן פון ה. פ. שומאַכער.

(פאָרטזעצונג).

רעואל האָט זיך פערשעמט. איצט אין דער דאָזיגער טרויעריגער מינוט געדענקט ער נאָר אין זיך. וואָס פאַר א יוערט האָט. דען אין אַזעלכע טעג דאָס לעבען פון אַ מענש, וואָס פאַר אַ בעדייטונג האָט ער? און פונדעסטוועגען האָט רעואל נישט געקאָנט פערטראָגען די טרויעריגע מחשבה.

— לעז, האָט ער איהר געגעבען דעם בריעף.

זי האָט דעם בריעף נישט גענומען, ווייל ווען זי זאָל זאָגאָר נישט וויסען, וואָס דאָרט איז געשריבען, וואָלט זי אויך דאָס לייכט געקאָנט פערשטעהען.

— איז שוין דאָס אומגליק געקומען? האָט זי שטיל געפרעגט

רעואל האָט געשוויגען און טרויעריג אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ

בירניקה האָט געשמייכעלט, איהר איז אָנגענעהם געווען צו זעהען ווי ליעב ער האָט זי.

— געה האָט בירניקה שפּאַטיש געזאָגט זי האָט געוואָלט נאָך מעהר אויפוועקען זיין ליעבע.

— פאַרוואָסשע געהסטו נישט? האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט.

ער האָט אַ ציטער געטון.

— ווילסטו מיך אַוועקשיקען? איך וועל אַוועקגעהן און דו וועסט זאָגאָר מיר קיין טרייסטוואָרט נישט זאָגען אין דער שווערער מינוט?

— דו ביזט דאָך אַ מאַן!

ווי אַ פייל האָבען איהם די דאָזיגע ווערטער געטראָפען.

— דו ביזט גערעכט — האָט ער מיט אַ ציטער געזאָגט — איך האָב שוין דורך דיר פערגעסען אויף אַ וויל מיין פליכט. זיי געבענשט דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט, זיי געבענשט פאַר די גליקליכע טעג, וועלכע וועלען שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען.

רעואל האָט זיך נישט געקאָנט בעהערשען, צוגעגאַנגען צו איהר און אַ קוש געטון אין האַנד... דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען און זי האָט געקוקט אויף איהם ביז ער איז צוגעגאַנגען.

— אויף אייביג? האָט זי שטיל געפרעגט און אַ ציטער געגעבען. פאַרוואָס אויף אייביג? און וואָס צווינגט דיך אַוועקצוגעהן פון מיר?

רעואל האָט זיך דערשראָקען.

— און מיין לאַנד?

— דיין לאַנד? האָט זי שפּאָטיש געזאָגט, וואָס גיט דיר דיין לאַנד, אַז דו זאָלסט צוליב דעם מקריב זיין דיין לעבען, אַלץ וואָס איז טייער. מעהר ווי דעם טויט וועט דיר דיין לאַנד נישט ברענגען! האָסטו פערגעסען דאָס העכסטע אין דער וועלט דאָס לעבען און ליעבע?

זי איז צו איהם צוגעגאַנגען און געקוקט אויף דעם שטאָלצען קאָפּ וואָס איז אין איהם פאַרגעקומען.

— ליעבע — האָט ער מיט אַ ציטערדיגע שטימע געזאָגט — אָט דאָס האָט דאָך מיך מיין פאָטער געלערנט, אַז די פאַמיליע דאַרף דער מענש ליעבען מעהר ווי זיך, דעם קעניג'ס הויז מעהר ווי די פאַמיליע און דאָס לאַנד מעהר ווי אַלץ אין דער וועלט.

זי האָט איהם אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד.

— וואָס איז אַזעלכעס לאַנד, פאָטערלאַנד? קוק אַרום און זעה: די פּערסיער, די סיריער, די אינדיאַנער, עגיפּטער — יעדער בעזונדער האָט זיין פאָטערלאַנד. קימען די גריכען און טענה'ן, אַז די גאַנצע מענשהייט איז נור זייערע שקלאַפען: וואָס'זשע איז פאָטערלאַנד? נור די ליעבע צו זיך! די גייסטליכע האָבען מיט דער דאָזיגער לעהרע דאָס פאָלק פערשקלאַפט און אויף דעם דאָזיגען ווילדען מזבח ווילסטו דאָס טייערסטע מקריב זיין?

רעואל האָט געקוקט אויף איהר און נאַרנישט געהערט, וואָס זי האָט איהם געזאָגט. איהרע אויגען האָבען געגליהט מיט כעס און דאָך האָט זי אויך אַ פּחד געפיהלט. רעואל האָט זי נישט פערשטאַנען, ווייל זייט ער האָט זי דערקאַנט איז דאָס געווען דער ערשטער פאַל, וואָס זי איז פאַר איהם ווי אַ רעטעניש געווען.

— נישט דאָס לאַנד אַליין — האָט ער איהר ערקלערט — גיט די ליעבע צום לאַנד ווי דאָס איז ביי די גריכען, נור גאָט איז דער גרונד פון יודישען פאָטערלאַנד, פון דער יודישער ליעבע צו זייער לאַנד.

רעואל האָט גערעדט געלאַסען מיט אַ איבערצייגונג. בירניקה האָט אויפגעציטערט און איהרע אויגען זענען געבליבען אָפען, דאָס איז דער פּונקט, וואוהין איהר הערשאַפט האָט נאָך נישט דערגרייכט! זי האָט געוואָלט זיין אין כעס, נור נישט געקאָנט. זי האָט מיטאַמאָל פערשטאַנען, וואָס איהר פעהלט, וואָס זי האָט נישט. זי האָט נישט קיין הארץ פאַר הייליגע געפיהלען. דער לוקסוס, די שטענדיגע פערגניגענס האָבען אין איהר פערניכטעט דאָס, וואָס מאַכט דעם יוד פאַר אויסדערוועהלט, די האָפנונג, אַז אין דער צוקונפט וועט דאָס יודישע פאָלק פעראייניגט ווערען און זיין מעכטיג אין דער וועלט.

איצט איז געקומען דער מענש, וועלכען זי ליעבט מעהר פון יעדען, וואָס זי האָט ביז היינט בעגעגענט, ער, אויף וועלכען זי האָט געגלויבט דאָס ער געהערט איהר גענצליך און ער זאָגט איהר אַזעלכעס, וואָס קאָן זי אָדער פערשטעהן, אָדער צוציהען צו אַ ניי לעבען. איהר הארץ האָט איהר געזאָגט, אַז עס איז פערהאַן עפּיס העכערעס אויף דער ערד און דאָס העכערע איז גאָט!

גאָט איז דער, וועלכער ווירקט אויף איהר, וועלכער פולט אָן איהר הארץ מיט פּחד און עהרע קוקענדיג אויף דעם איינפאַכען יונגערמאַן.

זי איז דאָך אַ קעניגין און ער — בלויז אַ זוהן פון אַ פויער.

אַזוי איז דאָס. גאָט עפענט איהרע אויגען איצט, בעת זי דאַרף בעשטימען וואו צו געהן — רעכטס אָדער לינקס.

אַזוי איז דאָס, רעואל איז נישט קיין יונגעל ווי זי האָט פריהער געגלויבט, נור אַ מעכטיגער מאַן. ער איז אַ מאַן אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. איצט האָט זי דערפיהלט, אַז זי דאַרף זיך אין אימיצען אָנלעהנען, זי איז שוואַך און מוז זיך שטיצען אויף דעם מעכטיגען — זי איז אַ פרוי און ער איז דער מאַן.

אָט דאָס איז דער יאָך פון ליעבע, וועלכען זי מוז טראָגען.

זי איז צוגעגאַנגען און אָנגעשפּאַרט איהר מיעדען קאָפּ אָן זיין ברוסט און שטיל געזאָגט:

— זיי מיר מוחל, געליעבטער, וואָס איך האָב דיך געפּרובט, דו ביזט גרויס, מעכטיג און איך האָב דאָס נישט געוואוסט. נעמ'זשע ביי מיר נישט צו די מעגליכקייט זיך אָנצולעהנען אָן דיר איך בין דאָך בלויז אַ שוואַכע פרוי, ווי אַ שטעקען קאָן איך צוברעכען ווערען, אויב איך וועל נישט האָבען אָן וועמען זיך אָנצולעהנען. שטאַרבען אָדער לעבען, נור צוזאַמען מיט דיר. זאָל זיין פינסטערניש, זאָל זיין, וואָס עס וויל, נור צוזאַמען מיט דיר, מיט דיר רעואל וויל איך לעבען אָדער שטאַרבען!

שנעל האָט זי דעם קאָפּ אָנגעבויגען און איהם אַ קוש געטון אין מויל, די ליעבע צו גאָט האָט דאָס מאָל געזיגט איבער איהר, איבער איהר שטרעבונג צו הערשאַפט. די דאָזיגע מינוט האָט בירניקה קיינמאָל נישט פערגעסען, ווייל דאָס איז געווען צום ערשטען מאָל, ווען זי האָט אַזוי הויך געשטיגען און טאַקע אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט אויסערליך זיך ערנידריגט.

(פאָרטז. קומט).

דער אַפּיקורס.

(אַ פּסח'דיגע הומאָרעסקע).

אין אַלע ענינים, וואס זענען שייך צו אמונה איז בערל לעמפּערט געווען אַ גרויסער מאמין; נאָר וואס עס איז שייך צו די „הלכות אכילה", איז ער געווען אַ געברענטער און געבראָטענער אַפּיקורס.

און די דאָזיגע אַפּיקורסות האָבען געשטאַמט פון זיין אייגענעם מאָגען.

ער איז בטבע געווען אַ גרויסער פרעסער. צוויי הערינג, אַ שיסעל בולבע-קאַשע מיט צוויי פונט ברויט פלעגען אין זיין מאָגען פערשווינדען אַזוי לייכט, ווי יונה הנביא ביי דעם וואַלפיש אין בויך און ווייל ער האט קיינמאָל זיין מאָגען נישט מפולה געמאַכט האט ער בשום אופן נישט געוואָלט גלויבען, אַז אַ מענש קאן זיך איבערעסען און דערפון קראַנק ווערען.

אונזער העלד האט געהאַנדעלט מיט עסענוואַרג, וועלכעס ער פלעגט פערקויפען צווישען אַרבייטער און בעלי-מלאכות. צו זיינע קונדען, וועלכע האָבען ביי איהם געקויפט ,י „מעדני-מאכלים" האט ער שטענדיג געהאַט טענות.

— וואס? נישט מעהר ווי איין זעמעל?—פלעגט ער שרייען—און מיט איין זעמעל ווילט איהר זאַט זיין ביז פאַרנאַכט? פאָלגט מיך, נעמט נאך די „טשאַסטע", זי צוגעהט דאָך פשוט אין מויל"!

— וואס רעדט איהר, ר' בערל? — פלעגט דער בעל מלאכה זיך וואונדערן — אי אַ זעמעל, אי אַ „טשאַסטע"? איך קען דאָך דעם מאָגען, חלילה, קאַליע מאַכען!

— מאָגען, שמאָגען! — פלעגט זיך בערל בייזערען — דעם מאָגען קען מען קיינמאָל נישט קאַליע מאַכען, בפרט נאך מיט מיינע מאכלים! דאס רעדען אייך נאָר איין די דאָקטוירים ימח שמם זאָלען זיי ווערען. זייער עסק איז פון יעדער זאַך צו מאַכען אַ פירוש און געלד ציהען. אַט קוקט מיך אָן. איך בין שוין אַ פופציגער און האָב נאָך קיינמאָל קיין דאָקטאָר נישט געדאַרפט, הלואי ווייטער!... ווייסט איהר וואס? אַז נישט אַ טשאַסטע, נעמט עפּיס אַנדערש! אַלץ איז פריש, ערשט פון אויווען, ווי איהר זעהט מיך אַ יוד!

און בערל לעמפּערט האט געמאַכט „גלענצענדע געשעפטען" און זיין פּ. ק. אָ.-ביכעל, וועלכעס קיין מענש האט ביי איהם נישט געזעהן, איז אַלץ פולער געוואָרען מיט ציפערען.

פאַר זיינע קונים פלעגט ער זיך תמיד קלאָגען אויף זיין אָרימקייט. ער איז נור איין מענש, אַ הושכ'דיגער אַלמן, אָהן אַ קינד און אָהן אַ רינד און ער קען דאָך קיין לעבען נישט מאַכען. פון וואַנען? פון דעם האַנדעל מיט עסענוואַרג? אַ האָר אויך נישט! זיינע אַרטיקלען קאָסטען איהם טייער, ווייל ער קויפט נור דאס „שענסטע" און דאס „בעסטע" און זיי טייער פערקויפען קען ער נישט. ווער האט דאס נזלנ'יש האַרץ צו בערייסען אָרימע אַרבייטער?!..

און אַלע האָבען איהם געגלויבט און האָבען מיט איהם גרויס רחמנתו געהאַט.

אויך איזידאָר מינצשטיין, דער אייגענטימער פון געשעפט, וואו לעמפּערט פלעגט קומען מיט זיינע אַרטיקלען, האט מיט איהם גרויס מיטלייד געהאַט און ער פלעגט איהם יעדען פסח פערבעטען צו זיך אויף דעם גאַנצען יום-טוב.

אַז ער האט נאָך, חוץ דעם האַנדעל מיט עסענוואַרג, אַ צווייטע בעשעפטיגונג, פאַר וועלכער ער ווערט גוט בעצאָהלט, האט קיינער נישט געוואוסט.

ער איז געווען אַ נאַכט-וועכטער אין יוסף לעווי'ס סקלאַדעס.

בייטאָג פלעגט ער האַנדלען מיט זיינע דעליקאַטעסען און ביינאַכט פלעגט ער היטען לעווי'ס לאַגערס.

און זיין באַנק ביכעל איז פון ביידע פּרנסות אַלץ געשוואָלענער געוואָרען.

אויך דאָרט ביי לעווי'ן, פלעגט ער תמיד אויסגיסען גאַנצע קינות אויף זיין אָרעמקייט און עלענדקייט און דאס האט אַזוי ווייט געווירקט, אַז לעווי האָט איהם יעדען פסח פערבעטען צו זיך צו די סדרים.

פאַר אונזער העלד זענען ביידע איינלאַדונגען געווען אַ האַרטע מאַטעמאַטישע ניס, וועלכע ער האט נישט געקאַנט צוקנאַקען. ער האט זיך נישט געשראָקען פאַר די צוויי מאָהלצייטען, וואס ער וועט דאַרפען עסען אין איין נאַכט. זיין מאָגען א·ז געוואוינט צו אַזעלכע „פראַכט - איבערלאַדונגען" און האט געקאָנט מקבל באהבה זיין אַ דריטע מאָהלצייט אויך; ער האט זיך נור דעם קאָפּ צובראָכען אויף דער האַרבער שאלה: ווי קען דאס איין מענש פּראַווען צוויי סדרים אין איין צייט אויף צוויי טישען, פון וועלכע איינער געפינט זיך אויף איין זייט שטאָדט און דער צווייטער אויפ'ן צווייטען?...

אָבער נאָך לאַנגע חקירות און דרישות האָט ער אויסגעפונען, אַז איזידאָר מינצשטיין איז נישט פון די גרויסע צדיקים. אמת, פסח איז ביי איהם ווי ביי אַלע יודען כשר וטהור אָהן אַ ברעקל חמץ, מצה, וויין, קניידלעך, כרעמזעלעך כדבעי; אָבער פון הגדה-זאָגען, פון לאַנגע מעשות פון יציאת-מצרים, האַלט ער נישט. גלייך ווי עס ווערט טונקעל, זעצט ער זיך מיט זיין פאַמיליע אַרום טיש, דאס דינסט-מיידעל דערלאַנגט דאָס עסען, מען עסט אָב און אַראָב פון מאַרק! גאַנץ אַנדערש געהט עס צו ביי לעווי'ן. יענער איז אַ יוד מיט אַלע כללים און פרטים. ער געהט צו מעריב אין שוהל. קומענדיג פון שוהל, זעצט ער זיך צום סדר. ער איילט זיך גאָרנישט, ער זאָגט די הגדה און נעמט זיך צייט איבערצוקוקען די ל"ב פירושים צו דער הגדה און אַ מאָהלצייט ווערט גענעסען ערשט נאָך 10 דעם זייגער.

נמצא: אַז ער קען זיין אַ מלאך, וואָס טוט 2 שליחות'ן אויף איין מאָל ניין דעם זייגער וועט ער שוין פאַרטיג זיין מיט דעם מאָהלצייט ביי מינצשטיינען און באַלד דערנאָך וועט ער שוין זיצען כמלך בגדוד ביי לעווי'ס טיש. דער חשבון שטימט אויף אַ האָר!...

און אַזוי האט זיך בערל לעמפּערט געלעבט יאָהר-איין, יאָהר-אויס. אכט אַ זייגער האָט ער געגעסען דעם סדר ביי איין וואוילטעטער און צעהן אָוועגד האָט זיין מאָגען גענומען „פראַכט" ביים צווייטען.

אָבער לא לעולם חסן. אייביגער גליק איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ! עס איז געקומען אַ פּסח, וואָס האָט די שיסעל פון זיין גליק איבערגעקעהרט מיט'ן דעק אַרויף:

ווען ער איז ווי תמיד געקומען צום סדר צו מינצשטיינען האָט ער דאָרט געפונען אַ גאַסט. דאָס איז געווען דער יונגער דאָקטאָר רומסיסקי, וואָס איז מיט צוויי וואָכען צוריק פערלאָבט געוואָרען מיט מינצשטיינ'ס טאָכטער. צוליב דעם ליעבען גאַסט האָט מאַדאם מינצשטיין אָנגעגרייט אַ בעסערען אָוועגד-ברויט און בערל לעמפּערט האָט געגעבען אַן'אמת'ן קאָנצערט פון אכילה.

אויסער די צוויי שטיקער פיש, דעם גרויסען טעלער זופּ, די צוויי פערטלעך הוהן, האָט ער געשלינגען אַ קניידעל נאָך אַ קניידעל, אַ פרעמזיל נאָך אַ כרעמזיל, האָט זיי אַרונטערגעשווענקט מיט גלעזער כרמל-וויין און דאָס אַלץ איז אין זיין מאָגען פערשוואונדען געוואָרען ווי די זיבען מאָגערע קיה, וועלכע פרעה האָט געזעהן אין זיין חלום.

דער יונגער דאָקטאָר האָט איהם אָנגעקוקט מיט שרעק.

— האָט קיין פאַראיבעל נישט! — האָט ער צו איהם געזאָגט — איך וויל אייך חלילה נישט בעליידיגען; איך וויל אייך נאָר בעמערקען. אַלס דאָקטאָר, אַז פון אַזוי פיעל עסען אויף איינמאָל, קען מען זעהר לייכט בעקומען אַ מאָגען-קאַטאַר אָדער אַ שלעפּע קישקע!

— קישקע - שמישמע! — האָט בעריל מיט בייזער חוצפה אויסגערופען — נישט איך, נישט מיין טאַטע און אויך נישט מיין זיידע האָבען דערפון געוואוסט, הלואי ווייטער!... איך גלויב נישט אין דעם שווינדעל, וואָס מען רופט אָן „דאָקטאָריע"! וואָס גאָט האָט בעשאַפען קאן אַ מענשען נישט שאַדען, הלואי ווייטער.

דער דאָקטאָר האָט שוין נישט פאַר נויטיג געפונען צו האַלטען אַ לעקציע וועגען דיעטע, ער האָט נור שווייגענדיג צוגעזעהען ווי בערל אַרבייט מיט זיינע צוויי און דרייסיג צייהן.

סאַפּענדיג און בלאָזענדיג פון זיין פולען מאָגען, האָט זיך בערל אויפגעהויבען, האָט געזאָגט „אַ גוטען יום-טוב" און איז געגאַנגען מאַכען זיין „דאַ קאַפּאָ" אויף דעם צווייטען פראָנט ביי לעווי'ן.

און ווידער האָבען זיינע צוויי און דרייסיג צייהן געאַרבייט מיט דעמזעלביגען השק ווי מיט אַ שעה פריהער, שטיקער געבראָטענעם אינדיק, געפּילטע העלזלעך, פעטע קניידלעך און נאָך פעטערע כרעמזעלעך מיט גרויסע גלעזער וויין, האָבען זיך געקייקעלט דורך זיין האַלז אין זיין מאָגען ווי קערנער ווייץ פון די מיהל-שטיינער אין דעם ברייטען מיהל-זאַק.

די מאַדאם לעווי האָט דאָס געזעהן, האָט געמאַכט אַ רחמנות-פּנים, האָט אַ שווערען זיפץ געטהון און האָט ביי זיך געטראַכט:

—וואָס איז דאָס דער חידוש? אַ גאַנץ יאָהר הונגערט ער דאָך נעביך!

פלוצלינג האָט זיך בערל מיט ביידע הענד אַ כאַפּ געטון ביים בויך, האָט פערגלאָצט זיינע אויגען ווי אַ בר-מנן ביי יציאת-הנשמה און מיט בלייכע ציטערדיגע ליפּען האָס ער אויסגערופען:

— מיר איז שלעכט!... איך בין פערביי!

די ווערטער זענען אָבגעשטאַרבען אויף זיינע ליפּען, ער האָט זיך אַראָבגעגליטשט פון שטוהל און איז ווי אַ שטיק בליי געפאַלען צו דער ערד.

עס איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל. אַלע זענען אויפגעשפּרינגען פון זייערע פּלעצער.

-- וואָס איז דער חידוש? — האָט די מאַדאַם לעווי כמעט וויינענדיג אויסגערופען—ער האָט זיך נעביך צוגעכאַפּט צום עסען מיט אַ ליידיגען אויסגעהונגערטען מאָגען!

אַכט הענד האָבען בערל'ען אויפגעהויבען און איהם אַוועקגעלעגט אויף אַ סאָפע. ער האָט נור געגלאָצט מיט די אויגען און פון זיך געבלאָזען ווי פון אַ בלאָז-זאַק.

— שרה!—האָט לעווי צום דינסטמיידעל געזאָגט—אין שכנות'דיגען הויז האָט זיך לעצטענס אריינגעצויגען אַ דאָקטאָר. ער הייסט, דאַכט זיך, רומסיסקי, לויף געשווינד אַריבער צו איהם און רוף איהם אַהער.

צעהן מינוט שפּעטער איז שוין ד"ר רומסיסקי געשטאַנען ביי בערל'ען.

— אַ שווערער פאַל—האָט ער נאָך דער אונטערזוכונג ערקלערט—דער מאַן האָט היינט אָוועגד צוויי מאָלצייטען געגעסען. מיט צוויי שעה צוריק ביי מיין צוקונפטיגען שווער און איצט ביי אייך. איך האָב מורא, אַז ביי איהם הויבט זיך אָן אַ שווערע געדערים-ענטצינדונג. דאס בעסטע איז, מען זאָל איהם אַוועקשיקען אין שפּיטאָל אַריין, אויב מען קאָן דאָרט בעקומען אַ פריי בעט.

לעווי האָט דורכ'ן טעלעפאָן אָנגעפרעגט אין שפּיטאָל, אויב מען האָט דאָרט אַ פרייען פּלאַץ פאַר אַן'אָרימען קראַנקען. מען האָט איהם געענטפערט, אַז אַלע בעטען זענען פערנומען דורך קראַנקע.

כדי די שרעקליכע קראַמפען פון קראַנקען איינצושטילען, האָט ד"ר רומסיסקי איהם געוואָלט מאַכען אַן'איינשפּריצונג.

פונאַנדערנעמענדיג בעריל'ס ראָק, איז פון זיין קעשענע אַרויסגעפאַלען אַ באַנק-ביכעל. ער האָט עס אויפגעהויבען, האָט אין איהם אַריינגעקוקט און האָט אויסגערופען מיט אַ שמייכעל:

— פאַניע לעווי, אונזער פּאַציענט דאַרף נישט קיין פריי בעטעל! ער קאָן בעצאָהלען פאַר אַ סעפּאַראַטקע, זעהט נור זיין באַנק-ביכעל: פיער טויזענד אַכט הונדערט זלאָטעס!

ה' לעווי איז ווידער צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און האָט בעשטעלט אַ סעפּאַראַטקע. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז שוין בעריל געלעגען אויפ'ן ווייסען בעטיל אין שפּיטאָל.

צעהן וואָכען שפּעטער איז ער אַרויס פון שפּיטאָל אַ געזונטער, אָבער זיין באַנק-ביכעל איז געוואָרען אַ „חולה מסוכן"...

ביי מינצשטיינ'ען אין געשעפט און ביי לעווי'ן זעהט מען איהם שוין נישט און וואו ער פּראַוועט היינט זיינע „סדרים", ווייס קיין מענש נישט...

מ. ז—רט.

זייער געוויסען האָבען זיי איינגאַנצען פערלוירען און זיי ווילען עס ערשט צוריק געווינען דאַמאַלס, ווען מען וועט פאַר זיי דאַרפען צוזאַמענעמען אויף קמחא, וואס וועט, ווי מיר האָפען, נישט לאַנג דאַרפען דויערען...

דערווייל אָבער האָבען די, וועלכע האָבען גרויסע פערמעגענס און ביי זיי איז אויף פסח געווען אָנגעגרייט מכל טוב, נישט אין זינען געהאַט די טויזענדער אָרימע אומגליקליכע, וועלכע האָבען געמוזט געניסען פון דער אָרימער קמחא. דער עיקר איז, אַז זיי זענען שוין אויסגעזאָרגט... נישט לאַנג וועט אָבער דויערען, ווי זיי ווילען אליין דאַרפען אָנקומען נאָך קמחא...

וגם קאָמענדאַנט קאָפּעל גוטערמאַן זכור לטוב.

אַ מערקווירדיגער טיפּ איז דער יונגערמאַן, וועלכער הייסט קאָפּעל גוטערמאַן.

אַ גאַנץ יאָהר זעהט מען איהם זעהר ווייניג. ער מישט זיך נישט אין ערגיץ, ער שוויצט נישט און איז אַ בעשיידענער בחור. קומט אָבער פאַר פסח, ווען מען אָרדענט איין די זעלנער-קוך, בעווייזט ער זיך פּלוצים און נעמט איבער די גאַנצע אַרבייט אין זיינע הענד אַריין.

גאַנצע 8 טאָג ריהרט ער זיך נישט אַרויס פון דער זעלנער קוך, אַלץ איז אויף זיין קאָפּ. און ווען איהר זאָלט קומען אין דער קוך אַריין, וועט איהר דאָרט טרעפען דעם קאָמענדאַנט (אַזוי האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען, ווייל ער האַלט אין איין קאָמאַנדעווען) קאָפּעל גוטערמאַן, וועלכער אַרבייט באמת ובאמונה.

ער האָט אַ פּאָר חדשים נאָך פסח צרות, ביז ער בעקומט אַרויס פון דער קהלה די נויטיגע סומע, כדי צו דעקען די חובות, וואָס ער מאַכט ביי דער קוך. אַ סך מאָל האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער וועט רעזיגנירען פון זיין אַמט, ווארום באמת צו וואָס טויג עס איהם, אַז מעהר ווי צרות האָט ער נישט. קומט אָבער פאַר פסח, איז ער ווידער דאָ, שפּאַנט זיך איין אין דער עבודה און אין דער צייט, ווען אַלע יודען זיצען אינדערהיים ביים סדר מיט דער פאַמיליע, שוויצט קאָפּעל גוטערמאַן אין דער קוך און פערלאָזט זיך נישט אויף קיינעם. זאָג איך טאַקע דעריבער, אַז עס קומט איהם אַ יישר כח — דעם קאָמענדאַנט קאָפּעל גוטערמאַן מוז מען געדענקען צום גוטען.

די יודען לויפען אין שוהל אַריין.

די ערשטע טעג יום-טוב זענען געווען זעהר שעהנע, כאָטש אַ בוסעל קאַלטע. דער עולם האָט ווייניג שפּאַצירט אין גאַס. דערפאַר אבער זענען די שוהלען געווען איבערפולט, איבערהויט די שטאָדט-שוהל, וואָס איז געווען געפּראָפט ביז איבער די ברעגען.

וואָס דעם עולם האָט געצויגען אין שוהל אַריין איז נישט בעוואוסט. צו אפשר דער כאָר, וועלכער האָט זיך דעם יום טוב אויסגעצייכענט מיט זיין שעהן זינגען, אָדער פ'ווייס? אפשר איז דער עולם טאַקע פרום געוואָרען און היות, ווי עס איז אַ קריזיס, לויפט דער עולם אין שוהל אַריין בעטען.

והראיה, אין דער נייער סינאַגאָגע, וואו קיין כאָר איז נישטאָ (שעהן זעהט איהר אויס, אַריסטאָקראַטען, אַז איהר האָט אפילו נישט געזאָרגט, אַז אַ כאָר זאָל יום טוב בעציהרען די שוהל), איז טאַקע געקומען אַ קליינער עולם, און ווי ס'ווייזט זיך אויס געהט נאָך די מתפללים פון דער נייער סינאַגאָגע נישקשה, זיי דאַרפען נאָך נישט אָנקומען צו דער שוהל... די יודען אָבער פון אַ גאַנץ יאָהר האָבען יאָ וואָס צו בעטען און גלייכצייטיג זיך אויסצוגיסען ס'האַרץ, זענען זיי טאַקע געלאָפען אין שוהל אַריין.

נישטאָ די אַמאָליגע צייטען.

אַמאָל, אַז עס איז געקומען אַזאַ יום טוב, ווי פסח, האָט אין אונזער שטאָדט געשוויבעלט פון טעאַטער-אימפּרעזעס. דער עולם האָט פון זיינע הוצאות, וואָס ער האָט בעשטימט אויף אויף יום טוב אויך אָוועקגעלייגט אַ ספּעציעלע סומע אויף די טעאַטער-פאַרשטעלונגען.

דער היינטיגער יום טוב אָבער איז אויך פון דעם בעפרייט, די גאַנצע 8 טעג וועט קיין איין יודישע טעאַטער-טרופּע נישט בעזוכען אונזער שטאָדט.

די סיבה איז פּשוט דערפאַר, ווייל עס איז נישטאָ קיין איינציגער זאַל, וואו מען זאָל קאָנען שפּילען יודיש טעאַטער. די קינאָ-זאַלען, ווי, למשל, דער „לונאַ" הייסט זיך געבען לעגענדאַרע סומעס, דאַן קומט נאָך דער מאַגיסטראַט מיט זיין הויכען שטייער-אָפּצאָהל. דאָס פּוילישע טעאַטער שווייגט אויך נישט, ווארום, אַז מען שפּיעלט יודיש טעאַטער, נעמט מען דאָך זיי אַוועק די בעזוכער, און במילא ווילען זיי אויך אַ חלק, און דעריבער איז נישט מעגליך, אַז עס זאָל קאָנען פאַרקומען אַ יודישע אימפּרעזע.

ווילען מיר זיך מוזען בעגניגען לאָזען מיט אַ פאַרלעזונג, מיט אַ יודיש קינאָ-בילד און דאָס איז אַלץ.

יאָ, יאָ, נישטאָ די אַמאָליגע צייטען!

אויך זיי דערכאַפּען זיך ס'האַרץ.

אין דער זעלנער-קוך קומען גלייכצייטיג אַרויף עטליכע ציווילע יונגע-לייט, וועלכע האָבען אַן'אינטעליגענטען אויסזעהן און בעטען זיך, אַז מען זאָל זיי אייך געבען טועם צו זיין פון די מאכלים.

פערשטענדליך, אַז קאָמענדאַנט קאָפּעל גוטערמאַן האָט בעקומען פון פּרעזעס די ערלויבניש אויך אויסצוטיילען פאַר זיי די געהעריגע פּאָרציעס.

כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, אַז עס טרעפען זיך יונגע לייט, וואָס האָבען נישט קיין אַנדערען אויסוועג, נאָר צו קומען אין דער זעלנער קוך, כדי זיך דאָרט אונטערלענען זייער פער'חלש'ט האַרץ.

שנעל מיעד געוואָרען.

און ווידער איז צוזאַמענגערופען געוואָרען אַ זיצונג פון קהלה-ראַט אויף מוצאי יום טוב פון די ערשטע טעג, און ווידער זענען געקומען עטליכע געצעהלטע פּרנסים, אַזוי אַז איז נישט געווען קיין ק(ב)וואָרום, די זיצונג איז נישט פאַרגעקומען און מען האָט זי אָנגעלייגט אויף אַן'אַנדערש מאָל.

ווי איהר זעהט, זענען אונזערע פּרנסים שנעל מיעד געוואָרען.

זי איז ווערט אונטערשטיצונג.

די גמילת-חסד קאַסע (פּילסודסקי 31) עגזיסטירט שוין 130 יאָהר — אַזוי איז פערשריבען אין די ביכער. פאַר 10 יאָהר צוריק אָבער האָבען זיי בענייט די טעטיגקייט און פון דאַמאַלס אָן פיהרען זיי אַן'אינטענסיווע אַרבייט, אַרויסבאָרגענדיג הונדערטער מענשען אָהנפּראָצענטיגע הלוואות.

דורך דער גאַנצער צייט האָבען זיי נישט געמאַכט קיין איין בלימעל-טאָג, ווי אויך נישט קיין אַנדערע אימפּרעזעס און פונדעסטוועגען האָבען זיי אַ גאַנץ נישט-קשה'דיגען קאַפּיטאַל.

כדי אָבער דעם קאַפּיטאַל צו פערגרעסערן אום צו קאָנען נאָכקומען די גרויסע פערלאַנגען פון די נצרכים, האָבען זיי בעשלאָסען לכבוד דעם 10-יעריגען יובל פון דער בענייטער עקזיסטענץ, צו מאַכען אַן'איינמאַליגע זאַמלונג, האָבען זיי אָבגעדריקט אַזעלכע פאָרמולאַר-בויגענס און עס צושיקט צו די אָנגעזעהענע בירגער אין שטאָדט, מיט דער ביטע צו שיקען אויף דעם דאָזיגען צוועק געוויסע סומען.

היות ווי די גמילת-חסד-קאַסע (פּילסודסקי 31) שטעהט אויף דער וואַך פון איהרע אויפנאַבען, איז זי ווערט אונטערשטיצונג.

לויתן

ביי פערדייאונגס-שוועכע, רע.ולירט די אָזוי-וויכטיגע קישקעס-טעטיגקייט דאס נא:ירליכע ביטערוואַסער
FRANCISZKA JOZEFA

י. ל. פּויגעל.

גייסטיגער דאַלטאָניזם.

די ציוניסטישע עגזעקוטיווע האט בענייט דעם טראַנספער-אָבמאַך מיט היטלער-דייטשלאַנד.

(פון דער פּרעסע).

דאַלטאָניזם איז אַ פיזיאָלאָגישער דעפעקט אין דער זעהונגס-קראַפט, וועלכער דריקט זיך הויפטזעכליך אויס אין דער אונפעהיגקייט פון אויג צו אונטערשיידען און קלאַסיפיצירען קאָלירען. פון דער גאַנצער רייכער גאַמע קאָלירען און סובטעלע קאָליר-ניואַנסען עקזיסטירען פאַר'ן דאַלטאָניסט איינע, העכסטענס צוויי קאָלירען און אונטער זיי ציהט ער אַרונטער אַלע אַנדערע. יעדע קאָליר, וועלכע האָט זיך געוועהנליך איהר בעזונדער, גענוי אָבגעגרעניצטע קלאַס, ווערט דורכ'ן דאַלטאָניסט אונטערגעאָרדענט איינער פון די, פאַר איהם זעהבארע, קאָלירען. דער דער דערקענונגס-פּראָצעס איז אמת דורכדעם פאַר'ן דאַלטאָניסט אַ לייכטערער און איינפאַכערער, אָבער גלייכצייטיג אויך אַנ'אילוזאָרישער און — מעהרסטענטיילס — פאַלשער. דער דאָזיגער פּראָצעס פערלירט — דורך דער פעראַלגעמיינערונג — פיעל פון זיין קאָמפּליצירטקייט, אָבער צוגלייך לגמרי נישט וועניגער פון זיין פּרעציזקייט און גענויאיגקייט. (אויף דער דאָזיגער מחלה האָט געליטען דער בעריהמטער ענגלישער כעמיקער דאַלטאָן און דערפון נעמט זיך איהר נאָמען).

פיזישער דאַלטאָניזם געהער וואָס אנ'אמת צו די זעלטענע פאַלען, אָבער דערפאַר טרעפט גאָר אָפט אַנ'ערשיינונג, וועלכע איך וואָלט אָנגערופען מיט'ן נאָמען: **גייסטיגער דאַלטאָניזם**. פערהאַן זעהר פיעל מענשען, וועמענס גייסטיגע אָבסערוואַציע-קראַפט און אינטעלעקטועלע אָבשאַצונגס-פעהיגקייט איז אַ פעהלערהאַפטע און בעגרעניצט זיך נאָר צו אַ געוויסער. קליינער גרופּע לעבענס-ערשיינונגען, וועלכע זענען אַלזאָ דאַלטאָניסטען אין גייסטיגען זין. פון דעם ריזיגען קאָמפּלעקס פּראָבלעמען, אין וועלכע דאָס מענשליכע לעבען איז אַזוי רייך און פון וועלכע יעדער פערלאַנגט אַנ'אַנדערן צוגאַנג, אַ בעזונדערע בעהאַנדלונג און אַ ספּעציעלע לעזונג, עגזיסטירט פאַר'ן דאַלטאָניכט איין, העכסטענס איינגע פּראָבלעמען און אַלע אַנדערע ענינים זענען לויט איהם נאָר אַ בעשטאַנד-טייל, סבה, אָדער רעזולטאַט פון די אויבענדערמאַנטע פראַגען.

געוועהנליך זאָגט מען אין מאָדערנעם לשון וועגען אַזאַ מענש, אַז ער האָט אַ בעגרעניצטען האָריזאָנט. די דאָזיגע דעפיניציע שעפּט נישט אויס דעם ענין. **בעגרעניצטקייט** מיינט נאָר אַ פערענגונג פון **אינטערעסען-קרייז**, **דאַלטאָניזם** דאַגעגען מיינט **פעראַלגעמיינערונג** און **פעראיינפאַכונג**. דער דאַלטאָניסט זעהט אַלע ערשיינונגען אין לעבען, ער ציהט נאָר זיי אַלע אַרונטער אונטער איין סך-הכל. ער **קלאַסיפיצירט** נישט און אַ פשיטא שוין, אַז ער **אינדיווידואַליזירט** נישט. די בונטפאַרביגקייט פון לעבען, זיין פערשידענאַרטיגקייט און פיעלזייטיגקייט, זיי עגזיסטירען לגמרי נישט פאַר'ן גייסטיגען דאַלטאָניסט.

אַזאַ דאַלטאָניסט אין אוניווערסאַלען מאַסשטאַב איז למשל דער קלאַסען-דאַקטרינער, וועלכער שטעלט זיך אויפ'ן קאָפּ און בעמיהט זיך בגוואַלד די גאַנצע רייכקייט פון לעבען אַריינצושטופּען אין די ענגע ראַהמען פון זיין דאַקטרין. וואוהין ער ווענדעט זיין בליק, זעהט ער פאַר זיך רק רויט און רויט. אַלע אַנדערע קאָלירען זענען פאַר איהם נאָר אַנ'אָבשיין פון דער בלוט-קאָליר. אַלעס וואָס איז געשאַפען געוואָרען אין דער מענשליכער געשיכטע, (נישט אויסשליסענדיג די שאַפונגען פון אונאָבהענגיגען מענשליכען גייסט), אַלע איבערברוכען און איבערקעהרענישען, וואָס די דאָזיגע געשיכטע האָט אַדורגעמאַכט, דאָס אַלעס איז פאַר'ן קלאַסען-דאַקטרינער נאָר אַ פּראָדוקט פון דער סאָציאַלער סטרוקטור און איהר אַלמעכטיגען איינפלוס אויף אַלעם, וואָס געשעהט אין מענשליכען לעבען.

נישט קיין קלענערער דאַלטאָניסט, נאָר אין ענגערען פאָלקס-מאַסשטאַב איז דער נאַציאָנאַלער שאָוויניסט. אויב דער ערשטער פּרובט די גאַנצע מענשהייט און איהר געשיכטע איינקלאַמערען אין סדום-בעטעל פון זיין סאָציאַלער איינשטעלונג, בעמיהט זיך דער צווייטער צו טהוען דאָסזעלבע אין בעצוג צו זיין פאָלק. זיין דאַלטאָניזם (דעם לעצטענס) שליסט אָב דאָס פאָלק אין די פיזישע גרעניצען פון זיין טעריטאָריע און נעמט איהם אוועק די ברייטע פערספּעקטיוו אויף וועלט און מענש. דער נאַציאָנאַלער שאָוויניסט בעמיהט זיך אַרויסצורייסען זיין פאָלק פון דער אַלגעמיינער מענשהייטס-קייט און זיין געשיכטע פון דער אַלגעמיינער מענשליכער געשיכטע.

אַזאַ דאַלטאָניסט איז לסוף יעדער דאָקטרינער, וועלכער קען נאָר איין מאָס און איין ליעדעל און דאָס דאָזיגע ליעדעל זינגט ער אויס ביי יעדער פּאַסיגער און נישט-פּאַסיגער געלעגענהייט.

— — — — — — — — —

פון זייט די ציוניסטישע בעוועגונג איז ענטשטאַנען האט זיך ביי פיעל פון איהרע בעגרינדער געלאָזט בעמערקען די טענדענץ אַרונטערצונעמען דאס **גאַנצע** יודישע לעבען אונטער איהרע פלינעל און אַנוואַרפען איהר העגעמאָניע **אַלע** געביעטען פון דאָזיגען לעבען.

האַלטענדיג ארץ-ישראל אַלס די איינציג-מעגליכע לעזונג פון דער יודען-פראַגע האט דער ציוניזם אָנפאַנגס באַגאַטעליזירט יעדע יודישע טעטיגקייט אין גלות, אויב די דאָזיגע טעטיגקייט האט נאָר נישט געזאָלט בעצוועקען די טובה פון די, דורך איהם גוט-אָדער שלעכט-פערשטאַנענע, ארץ-ישראל אינטערעסען. אַז עס עגזיסטירט דערווייל אַ יודיש לעבען אין גלות און אַז דאס דאָזיגע לעבען רוקט אַרויס אַ רייהע נויט-פראַגען, וועגען וועלכע מען דאַרף זיך פערטראַכטען און געפונען אַ לעזונג, ווען אַפילו די דאָזיגע לעזונג זאָל נישט האבען קיין שום שייכות מיט דער אויפבוי-אַרבייט אין ארץ-ישראל — וועגען דעם אַלעם האט דער ציוניזם נישט געוואוסט און נישט געוואָלט וויסען. דאס ציוניסטישע אויג, וועלכעס איז געוואָרען זעהר פיהלבאַר אויף דער בלוי-ווייסער קאָליר, האט דערפאַר אָנגעהויבען זעהר שוואַך רעאַגירען אויף אַלע אַנדערע קאָלירען פון יודישען לעבען.

און ווען דער ציוניזם האט שפּעטער איינגעזעהען, אַז די **גלות-אַרבייט** איז אַ פאָרבעדינג צו זיין ארץ-ישראל-אַרבייט און, אַז דאָ אין גלות מוז פאָרגעברייט ווערען דער באָדען און דאס מענשען מאַטעריאַל פאַר ארץ-ישראל און ער האט זיך מיט'ן גאַנצען ברען געוואָרפען אין דער פּאָליטישער און קולטורעלער גלות-אַרבייט — האט אויך איבער דער דאָזיגער אַרבייט געהערשט דער פּרימאַט (אַ מאָדערן „שלאַג"-וואָרט אין די ציוניסטישע פּאַרטיי-זשאַרגאָנען...) פון ציוניזם. און דער דאָזיגער פּרימאַט האט געלערנט, אַז אין דער פּאָליטישער אַרבייט אין גלות דאַרף מען זיך נישט רעכענען מיט די יודישע גויטען אויפ'ן אָרט, נאר מיט דער צווייפעלהאַפטער טובה, וואס די דאָזיגע אַרבייט קען ברענגען פאַר'ן אויפשוואונג פון ציוניזם. די קריטעריע און אויסוואַהל פון מעטאָדען און מיטלען אין קאַמף פאַר יודישע רעכט איז דעריבער געוועזען, נישט זייער **רעאַלער**, **פּאָזיטיווער עפעקט**, נאָר די זעהר פּראָבלעמאַטישע „נאַציאָנאַלע" ערציהונג פון די יודישע מאַסען. אויב די דאָזיגע „ערציהונגס-שטרעבונגען" האבען דיקטירט צו פיהרען אַ קאַמפּס-פּאָליטיק, האט מען נישט געקוקט דערויף, וואס די דאָזיגע „פּאָליטיק" האט געשאַדענט די יודישע אינטערעסען אויפ'ן אָרט, נאר זיך מיט אַ לייכט הארץ דעצידירט אויף קאַרקברעכערישע עקספּערימענטען, פאַר וועלכע דאס יודענטום אין גלות האט טייל מאָל געמוזט טייער בעצאָהלען.

אין דעם דאָזיגען העגעמאָניע-גייסט האט זיך דער ציוניזם וואס אַמאָל מעהר פערגאַלאָפּירט. זענען דאָך פאַר מאַנכע ציוניסטישע פּאַרטיי-פאַנאַטיקער אַפילו יודען-רדיפות און פערגאָסען יודיש בלוט בעטראַכט געוואָרען אַלס „אייל אויף די רעדער פון ציוניזם". איז דאָך אַלץ, וואס די ציוניסטישע פּאָליטיק האט געטהון אין גלות, געטהון געוואָרען אין נאָמען פון ארץ-ישראל. און איז דאָך דער דאָזיגער הייליגער נאָמען נישט איינמאָל מיסגעברויכט געוואָרען צו פערשידענע נישט-ריינע צוועקען. איז מען דאָך אין נאָמען פון ארץ-ישראל געגאַנגען צו קהלה-וואַהלען, שטאָדט-ראַט-וואַהלען און אַפילו... סיים-וואַהלען.

די קלאָגעדיגע קאָנסעקווענצען פון אַזאַ פּאָליטיק האבען נישט לאַנג געלאָזט אויף זיך וואַרטען. די ציוניסטישע פּאָליטיק האט זיך געזעהן געצווינגען צוריקצוציהען אויף דער גאַנצער ליניע און אָבצוווייכען פון דער „קאָנסעקווענטער", „אונבויגזאַמער" קאַמפּס-ליניע.

אָבער איהר איינגעבוירענער דאַלטאָניזם האט זי נישט אָבגעלאָזט און פערפאָלגט ווייטער איהרע טריט אויפ'ן גלות-באָדען.

ערשט פאַראיאָהרען איז די גאַנצע יודישע וועלט אויפגעציטערט געוואָרען פון דער מורא'דיגער געשיכטע, אַז די ציוניסטישע עגזעקוטיווע זאָל האבען געשלאָסען אַנ'אָבמאַך מיט דער בלוטיגער היטלער-רעגירונג און פאַר'ן פּרייז פון אַרויספיהרען אַ געוויסען סכום יודישע פערמעגענס נאָך ארץ-ישראל מסכים געווען צו אימפּאָרטירען דייטשע סחורות קיין ארץ-ישראל.

די יודישע עפענטליכקייט האט זיך לכתחילה בעצויגען מיט אומצוטרוי צו די דאָזיגע ידיעות. סטייטש? האבען זיך אַלע געפרעגט, אין דער צייט, ווען די גאַנצע יודישע וועלט שטרענגט זיך אָן און איז מוותר אויף אַ גרויסען טייל פון איהרע פערדיענסטען, כדי קאָנסעקווענט אַדורכצופיהרען דעם באָיקאָט, זאָל גראָד די ציוניסטישע עקזעקוטיווע אויף אַזאַ פעררעטערישען אופן ברעכען דעם סאָלידאַרען יודישען אָבוועהר-קאַמף? זאָלען עס גראָד די ציוניסטען אויסשטרעקען די האַנד צום טיראַנישסטען בארבאַר פון אַלע צייטען אין אונזער געשיכטע? זאָל שוין אין יענע רייהען אַזוי ווייט גרייכען די טעמפּקייט אויף יודישע נויטען אין גלות?

אָבער מ'האט נישט לאַנג געדאַרפט וואַרטען און די דאָזיגע אונגלויבליכע קלאַנגען האבען זיך אָפיציעל בעשטעטיגט. די יודישע עפענטליכקייט איז געשטעלט געוואָרען פאַר אַ געשעהענעם פאַקט, פון וועלכען מ'האט זיך מעחר נישט געקאַנט צוריקציהען. ס'איז דאמאלס געבליבען די איינציגע האָפנונג, אַז נאָכ'ן אָבלויף פון יאָהר, אויפ'ן משך פון וועלכען דער אָבמאַך איז געשלאָסען געוואָרען, וועט ער דאָך אונטער'ן דרוק פון דער **גאַנצער** עפענטליכער יודישער מיינונג מעהר נישט בענייט ווערען.

אָבער עס ווייזט אויס, אַז די דאָזיגע מענשען וועלען שוין פערבלייבען אונפערבעסערליכע דאַלטאָניסטען. די דאָקטרינערען, וועלכע זיצען היינט אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע לאַכען קענטיג פון דער גאַנצער יודישער עפענטליכקייט און איהרע פּראָטעסטען. פאַר זיי איז גלייכגילטיג די לאַגע פון גלות-יודענטום, וועמענ'ס רעכט ווערען געשטעלט אין קאָן דורכ'ן ברעכען דעם באָיקאָט. פאַר זיי גענוגט דער פאַקט, אַז דערפון וועט פּראָפּיטירען די ציוניסטישע בעוועגונג, כדי צו בענייען אויף נאָך אַ יאָהר דעם דאָזיגען שענדליכען אָבמאַך מיט'ן בלוטיגען היטלער-לאַנד.

גייסטיגע דאַלטאָניסטען!

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

דער מצות-עקספּערימענט.

איצט, ווען די מצות זענען שוין באַלד פערצעהרט, איז כדאי צו מאַכען אַ סך הכול פון דעם עקספּערימענט וואָס די קהלה האָט היי-יאָהר געמאַכט מיט'ן מצות-אויסבאַק.

ווי עס פיהרט זיך מקדמונים, האבען די היגע בעקער פאַר פּסח געבאַקען מצות און זיי פערקויפט דער יודישער בעפעלקערונג, נעמענדיג פאַר זיי כך וכך און קיינעם האָט נישט אינטערעסירט צי עס קאָסט מיט אַ צעהנערל טייערער אָדער מיט אַ צעהנערל ביליגער.

די לעצטע קריזיס-יאָהרען אָבער האט די היגע קהלה, וועלכע נעמט פון דעם פּסח'דיגען מעהל אַ געוויסען קמחא אָבצאָהל, ווייל וואָס גרעסער די נויט איז צווישען דער יודישער בעפעלקערונג, אַלץ מעהר געלד דאַרף מען האָבען, כדי צוצוטיילען פאַר'ן עולם — געמוזט אַכטונג געבען, אַז עס זאָל אָראָבגעגעבען ווערען אַזאַ אָבצאָהל, וואָס זאָל צוזאַמען מיט דער געזאַמעלטער קמחא פון פּריוואַטע פערזאָנען סטייען אויף דעם מינימום, וואָס איז נויטיג צו בעפרידיגען די נצרכים; דערביי אָבער האט די קהלה אויך געדאַרפט זאָרגען, אַז די מצות זאָלען נישט זיין טייערער.

פאַר צוויי יאָהר צוריק איז צווישען דער קהלה מיט די בעקער אויסגעבראָכען דער ערשטער ערנסטער אינצידענט און די קהלה האָט אויף איהר אייגענעם חשבון מיט דער הילף פון די בעקער אַרבייטער אָנגעהויבען אויסצובאַקען מצות. שפּעטער אָבער איז אַ דאַנק דעם בעקער-צעך און ביי דער מיטהילף פון האַנדווערקער-פערבאַנד דער סכסוך ליקווידירט געוואָרען אין די איבעריגע מצות האָבען שוין אויסגעבאַקען די בעקער אייגענטימער.

פאַראיאָהרען איז צו קיין סכסוכים נישט געקומען און עס האָט זיך געפיהרט אין דער געהעריגער אָרדנונג.

היי-יאָהר אָבער האט דער בעקער-צעך בעשלאָסען, אַז די קהלה זאָל נישט האָבען די אויפזיכט איבער דעם מצות-אויסבאַק און במילא נישט נעמען דעם געהעריגען אָבצאָהל פאַר דער קמחא, נאָר די שטאָדט זאָל זיך פערלאָזען אויף זייער (די בעקער'ס) יושר. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען צווישען דער קהלה מיט'ן בעקער-צעך איז געקומען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז עס זענען איבערגעריסען געוואָרען אַלע אונטערהאַנדלונגען, און די קהלה האָט זיך געלאָזט אויף אַ געוואַגטען עקספּערימענט דהיינו: זי האט בעשלאָסען צו ברענגען מצות פון דער פרעמד און זיי פערקויפען דער היגער יודישער בעפעלקערונג פאַר אַ ביליגען פּרייז. דאָס מעהל, וואָס זי האט געהאט איינגעקויפט מיט עטליכע חדשים פריהער, האָט די קהלה אָבגערופען, און די צוויי וואַגאָנען מעהל, וואָס זענען שוין אָהערגעליפערט געוואָרען, זענען דערווייל געבליבען אין רעזערוו.

דאַ האָט זיך אָנגעהויבען אַ שפּאַנונג צווישען דער יודישער בעפעלקערונג, וואָס ס'וועט ווערען פון סכסוך, ווער וועט זיעגען — די קהלה אָדער די בעקער? עס האבען זיך באַלד געשאַפען צוויי לאַגערן: מאַנכע האָבען געגעבען גערעכט דער קהלה, אַז מען דאַרף איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכען אַ סוף מיט דער דאָזיגער פערשאָלטענער מצות-פראַגע און זי אַוועקשטעלען אויף אַ געזונדטען יסוד; אַ צווייטע חברה ווידער, וועלכע האָבען געזאָגט, אַז מען דאַרף נאָר לאָזען די בעקער בעל-בית'עווען.

דערווייל האט די קהלה איינגעקויפט מצות אין פראָשאָוויץ, ווי אויך אין קאָליש און בעשלאָסען זיי צו פערקויפען אַ גילדען אַ קילאָ.

ביז אָבער די מצות זענען אָנגעקומען האָבען צוויי בעקערייען אָנגעהויבען צו באַקען מצות אָהן דער השגחה פון ראַבינאַט און אָהן אָבצאָהל פון קמחא. צו אונזער גרויסער שאַנד, האָבען זיך געטראָפען מענשען, וועלכע פרעדיגען געזעלשאַפטליכקייט און געהערען אַליין אין פערוואַלטונגען פון געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, וואָס האָבען געקויפט די דאָזיגע מצות און דערמיט געשפּיגען דער גאַנצער יודישער עפענטליכקייט אין פנים אַריין. עס זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען נישט געוואָלט קויפען אַנדערשוואו קיין מצות, אַפילו פאַר ביליג געלד, נאָר דווקא אין דער קהלה.

דערווייל זענען געקומען עטליכע בעקער-מייסטער אין דער קהלה און זיך געבעטען, אַז מען זאָל זיי אויך געבען אויסצובאַקען מעהל, כדי צו קאָנען פערדינען אויף פּסח. דאָס זעלבע האָבען אויך גע'טענה'ט די בעקער-אַרבייטער, אַז דערמיט, וואָס די קהלה ברענגט מצות פון דער פרעמד, וועלען זייערע אַרבייטסלאָזע, וועלכע דעקען זייערע חובות פון אַ גאַנץ יאָהר מיט'ן געלד, וואָס זיי פערדינען בעת דער מצה-אַקציע, בלייבען אין אַ פערצווייפעלטער לאַגע.

די קהלה האט בעקומען רחמנות אויף די בעקער-אַרבייטער און אויך אויף די אָרימע בעקער-מייסטער און האָט בעשלאָסען זיי צו געבען אַ געוויסען סכום מעהל אויסצובאַקען.

האָבען מיר היי-יאָהר געהאט דרייערליי מצות: 1) קהלה-מצות, וואָס מען האט איינגעקויפט אין פראָשאָוויץ און אין קאָליש, וועלכע זענען געווען געפּאַקט אין פּעקלעך, 2) היגע מצות, וועלכע עס האבען אויסגעבאַקען די 10 בעקערס אונטער דער השגחה פון ראַבינאַט און 3) מצות, וואָס עס האָבען אויסגעבאַקען די צוויי נישט-כשר'ע בעקערייען.

באַלד האָבען די בעקער אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז די קהלה-מצות זענען גראָב, פערדומפּעצט און פּאַפּלאַנקעס. דאָס האָט פערשטענדליך אַרויסגערופען אַ מהומה צווישען דער בעפעלקערונג און אַלע האָבען זיך געשטופּט צו די בעקער. אגב, האָבען אונזערע יודישע ווייבער ליעב דעם האַרמידער, וואַרום ביים בעקער מוז מען אויפשטעהן באַטש 4 פּערטאָגס וואַרטען ביז די מצה וועט אַרויס פון אויווען, אַרומטאַפּען יעדע מצה און גלאַט דערפון מאַכען אַנ'עסק אין דער צייט, ווען אין דער קהלה געדויערט די פּראָצעדור פון קויפען די מצות סך-הכל איין מינוט און מען דאַרף נישט טאַפּען, נישט וואַרטען, אַלץ אָהן האַרמידער.

ביי אַזאַ „רוף" איז נישט קיין וואונדער, וואָס די קהלה-מצות, וועלכע זענען געווען זעהר העריליכע און גוטע, זענען נישט איינגאַנצען אויספערקויפט געוואָרען און פון די 35 טויזענד קילאָ, וואָס זענען אָהערגעבראַכט געוואָרען, וועגען די רעשט מצות, וואָס זענען איבערגעבליבען, ערשט פערקויפט געוואָרען אין חול-המועד, ווען דער עולם חאָט זיך איבערצייגט, אַז די מצות זענען אַסך בעסער פון די היגע.

דערווייל אָבער איז נישט איינגעפּלאָסען די געהעריגע צאָהל קמחא-געלדער אין דער קהלה-קאַסע און ממילא איז נישט געווען קיין געלד, דעריבער האט מען אנשטאט געלד, אַרויסגעגעבען מצות. אַזוי האָבען בעקומען די פערשידענע אָרגאַניזאַציעס פאַר זייערע מיטגלידער מצות, פּריוואַטע פערזאָנען — מצות און די פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס אויך מצות.

בעת דער דאָזיגער מצה-אַקציע זענען אויך אַרויסגעלאָזט געוואָרען פערשידענע אויפרופען הן מצד דעם ראַבינאַט, וועלכע מאַכט די נישט-כשר'ע מצות פאַר חמץ גמור, הן מצד די בעקער, וועלכע האָבען גערופען קויפען די חמץ'דיגע מצות.

דער דאָזיגער עקספּערימענט, וועלכער האט היי-יאָהר אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען, וועט נאָך זיך ציהען קאָנסעקווענצען. די קהלה, וועלכע איז די איינציגע רעפּרעזענטאַנץ פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג, וועט מוזען לערנען פון דעם און אין דער צוקונפט וועט זי מוזען האַנדלען אַזוי, אַז די יודישע בעפעלקערונג זאָל זיין געצוואונגען צו רעספּעקטירען איהרע פעראָרדנונגען און זיך צו זיי צופּאַסען.

זיי זענען שוין אויסגעזאָרגט...

פאַר אונז ליגט אַ ליסטע פון אַ רייהע היגע גרויסע גבירים, וועלכע האָבען זיך אָבגעזאָגט צו געבען קמחא.

דאָס האָט פערשטענדליך אַרויסגערופען גרויס פערדרוס ביי די יעניגע, וועלכע פערנעמען זיך מיט דער קמחא-זאַמלונג.

איך האַלט אָבער, אַז די דאָזיגע אכזר'ישע גבירים זענען גערעכט. זייער הארץ איז פערשטאָפּט מיט פעטס,

דאס פערפאלגטע פנים.

(סוף פון זייט 2).

הער צו דער אלטער פערגאנגענער וועלט... און עס האבען זיך געשראקען די אויפגעקומענע ארבייטס-געבער, צו וועמענס שפע יאסעלע דארף היינט אנקומען, פאר דעם „פארצייטישען" פרומען פנים, וועלכעס האט זיי דערמאהנט אן נישט היימליכע צייטען, אן צייטען, ווען זיי זענען געלעגען גאר פון אונטען. ביים אנבליק פון די דאזיגע ערנסטע אויגען האט זיך זיי אויסגעדוכט, ווי א שטיק פון דער פערטריבענער „אלטער וועלט", פון וועמענס יאך זיי האבען זיך אקארשט ערשט בעפרייט — ווי א שטיק פון דער וועלט וואלט זיך אומגעקעהרט און זיי נאכגעיאגט.

בחנם זענען געווען יאסעלע'ס אלע בעמיהונגען ערגיץ-וואו ארבייט צו בעקומען, זיין „זכות-אבות"... איז איהם תמיד בייגעשטאנען און ער האט ביי קיינעם קיין ארבייט נישט געקריגען. יעדער האט געציטערט מיט'ן „יחסן" איינצוגעהן. טאקי שוין א פראסטער ארבייטער—פארט אבער נאך דאס פנים פון א יחסניש „אייניקעל", א גאנצער „שעהנער יוד"...

אזוי וואלגערט זיך יאסעלע ארום פון איין ארט אויפ'ן צווייטען, פון איין שטאדט אין די צווייטע. אומעטום בעקומט ער ארבייט אזוי לאנג, ביז מען ענטדעקט איהם נישט, ביז מען ווערט נישט געוואויר זיין „אבשטאמונג"...

די אקציע פון „רעכט אויף ארבייט" ביי „פועלי אגודת ישראל".

ווי בעקאנט האט די צענטראלע פון „פועלי אגודת ישראל" אין פוילען בעשלאסען צו ווידמען דעם גאנצען חודש ניסן דער אזוי-גערופענער אקציע פון „רעכט אויף ארבייט". די דאזיגע אקציע, האט זיך געשטעלט פאר א ציעל צו ווירקען אויף די יודישע פאבריקאנטען און ארבייטס געבער צו בעשעפטיגען אין זייערע אונטערנעהמונגען אויסשליסליך יודישע ארבייטער און אנגעשטעלטע הויפטזעכליך רעליגיעזע יודען, וועלכע ליידען אמייסטען פון די געשאפענע שווערע עקאנאמישע לאגע.

די פראפאגאנדע פאר דער דאזיגער יושר'דיגער אקציע ווערט געפיהרט אין משך פון דעם גאנצען חודש ניסן אין אלע גרעסערע ארבייטס-צענטערען אין פוילען.

אויך אין אונזער שטאדט האט די „פועלי-אגודת-ישראל", אין צוזאמענהאנג מיט דעם אויבענדערמאהנטען בעשלוס, געשאפען א ארבייטס פערמיטלונגס-ביורא, וועלכע האט שוין בעוויזען אין משך פון איהר קורצער עגזיסטענץ צו פערשאפען פיעל ארבייטס-פאסטענס פאר א סך ארבייטסלאזע רעליגיעזע ארבייטער.

דינסטאג, דעם צווייטען טאג חוה"מ פסח אוועגד, איז דורך די היגע „פועלי אגודת ישראל" איינגעארדענט געווארען א מיטינג געווידמעט ספעציעל דער פראפאגאנדע פון „רעכט אויף ארבייט". מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטען: דער בעקאנטער „פועלי-אגודה"-פיהרער ה' דוד ראזענפעלד אויס קראקא און י. ל. פויגעל. אנווייזענדיג אויף די טרויעריגע עקאנאמישע לאגע, אין וועלכער עס זענען אריינגעשטויסען געווארען, דורך די אויסערליכע פאקטארען, די יודישע מאסען — האבען די רעדנער אויפגעפאדערט די יודישע מאסען אין דעם דאזיגען שווערען מאמענט צו זעלבסטהילף, נישט אין דער פארם פון פילאנטראפיע, נאר אין דער פארם פון געבען ארבייט און בעשעפטיגונג, אין דעם אמת'ן יודישען זין פון „וחי אחיך עמך".

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון פאבריקאנטען-און סוחרים-פעראיין.

פערגאנגענעם מאנטאג איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון פאבריקאנטען-און סוחרים פעראיין.

די פערזאמלונג עפענט ה' שפירא. אלס פארזיצער ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט דיר. פרושיצקי, וועלכער פערבעט אלס בייזיצענדע די ה"ה ברום, בערלינער און אלס סעקרעטאר ה' שטאקמאן.

ה' ראדאל האלט א לענגערען רעפעראט וועגען די אויפגאבען פון סוחרים-שטאנד. ער רעדט וועגען די האנדעלס-קאמערן, שטייער-אמטען, ווי אויך וועגען דעם אינדוסטריע-געזעץ, וועגען קרעדיטען אין דער באנק פאלסקי אז"וו. דער רעפערענט גיט אויך איבער וועגען דער טעטיגקייט פון דער פערוואלטונג אין לעצטען יאהר. ער דערמאנט, אז היי-יאהר ווערט פארקומען דער יובל פון דער 20-יעהריגער עגזיסטענץ פון דער געזעלשאפט, צו וועלכען עס איז איינגעלאדען געווארען דער דעפוטאט ווישליצקי פון ווארשא.

פון קאסע-בעריכט ווייזט זיך ארויס, אז די געזעלשאפט האט א דעפיציט.

נאכדעם ווי עס ווערט אדורכגעלעזען דער פראטאקאל פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע, ווערט דער בעריכט נאך א קורצער דיסקוסיע גענומען צו קענטניש און עס ווערט אויסגעדריקט אבסאלוטאריום דער פערוואלטונג.

עס ווערט דאן בעשטעטיגט דער בודזשעט אויף די סומע פון 9400 זל.

פער אקלאמאציע ווערען דאן צוריק אויסגעוועהלט אין דער פערוואלטונג די אבטרעטענדע ה"ה: פויסט, פראפארט, ש. ראדאל און שעלצער.

אין דער רעוויזיאנס - קאמיסיע — קאהן, ליבראוויטש און קראק.

נאכדעם, ווי עס ווערען נאך אנגענומען עטליכע פרייע פארשלאגען, צווישען זיי אויך אויסצודריקען א דאנק דעם פארזיצער ה' דיר. פרושיצקי פאר פיהרען דעם פארזיץ, ווערט די פערזאמלונג געשלאסען.

פון „טאז".

די פאפולערע מעדיציניש-וויסענשאפטליכע רעפעראטען פון דער דאקטוירים-סעקציע ביים „טאז" ווערען פארטגעזעצט.

היינט דאנערשטאג 8.30 אוונד וועט אין לאקאל פון די יודישע רעזערוויסטען (קאפערניקא 4—6) פארקומען א קאלעקטיווער רעפעראט פון די דאקטוירים סט. קאן און פ. גוטמאן א. ד. ט. „ווי אזוי קאן מען זיך פערהיטען פון פערקיהלונג, אנשטעקענדע קראנקהייטען און אנד.".

איינגאנג — פריי!

די אויפזיכט-סעקציע איבער'ן שולקינד דאנקט הערצליך אלע מנדבים ווי אויך אלע מיטארבייטעריגס ביים דורכפיהרען די בעקליידונגס-אקציע, ספעציעל פרוי ד"ר עפשטיין און ערליך.

א דאנק דער אקציע האבען 130 קינדער בעקומען אומזיסט אויף פסח נייע מלבושים און וועש.

א גענויערן בעריכט פון דער אקציע וועלען מיר איבערגעבען די קומענדע וואך.

פון תנועת „תורה ועבודה".

פרייטאג שביעי של פסח פונקט. 3 א זייגער נאכמ. קומט פאר אין אייגענעם לאקאל (אלעע 5) די קאנטינואירענדע טייל שיחת חברים א. ד. ט. „חג-החירות" איינגעלייטעט דור'ן ח' ווייצמאן.

שבת אחרון של פסח 3 א זייגער נאכמ. קומען פאר אין די לאקאלען פון „צעירי-המזרחי" (אלעע 5) און „ברוריה" (ב. יאסעלעוויטשא 8) צוויי גרויסע מסובות-יום טוב חברתיות.

פון בית"ר.

די פראקלאמירטע קרן בית"ר-אקציע דורך די נציבות בית"ר, ווערט אדורכגעפיהרט מיט גרויס ערפאלג.

היינט, פרייטאג שביעי של פסח 8.30 אוונד קומט פאר אין לאקאל פון בית"ר א פסח אקאדעמיע מיט א זעהר רייכען פראגראם. די גאנצע הכנסה איז בעשטימט פאר דער קרן בית"ר אקציע. מיר בעטען אלע רעוויזיאניסטישע גרופירונגען ברית הצה"ר, ההיל, נורדיה, „ווערעף" אנטייל צו נעהמען אין דער דאזיגער אקאדעמיע.

פון דער רעוויזיאניסטישער בעוועגונג.

מיט א בעשלוס פון דער פערוואלטונג קומט פאר די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון ברית הצה"ר דעם 21 ד. ח. מיר מאכען אויפמערקזאם אלע חברים ואס בכדי צו קאנען אנטייל נעמען אין דער אלגעמיינער פערזאמלונג מוזען זיי אונטערשרייבען פרישע דעקלאראציעס.

די פעטיציע-אקציע איז אין פולען גאנג. אין משך פון די חול-המועד-טעג זענען געזאמעלט געווארען הונדערטער אינדיווידועלע אונטערשריפטען.

די פראפאגאנדע קאמיסיע ביים פעטיציע קאמיסאריאט האט בעשלאסען איינצוארדנען א צווייטען גראנדיעזען מיטינג מיט'ן אנטייל פון די פראמינענטסטע רעוויזיאניסטישע פיהרער. דער מיטינג וועט זיין געווידמעט דאס זאמלען קאלעקטיווע אונטערשריפטען.

„די ערד איז דורשטיג" — אין „אטלאנטיק".

אין קינא „אטלאנטיק" ווערט היינט דעמאנסטרירט צום 1-טען מאל אין טשענסטאכאוו דער פילם פון סאוויעטישער פראדוקציע א. ט. „די ערד איז דורשטיג", וועמענס ווירקונג איז זעהר א סוגעסטיווע.

אין „וויאדאמאשטשי ליטעראצקיע" שרייבט ס. זאהארסקא צווישען אנדערן: „וואונדערבאר איז די קענטניש פון אויפלעבען יעדען מאמענט און אנפולען איהם מיט ליידענשאפט נישט אין דער אבסטראקטער ריכטונג, נאר אין א פערברייטערונג פון ליידענשאפטליכע איבערלעבונגען און אויפפרישען זיי. כאראקטעריסטיש איז, אז דער פילם שטעלט פאר פאר די אויגען פון די צושויער העלדען, וואס פעריבינדען בעוואוסטזיניג דעם צושויער מיט די ווירקענדע געשטאלטען מיט א פאדים פון סימפאטיע און געפיהל"...

דאס דערמאנטע בילד ווערט געוויזען היינט און נאך עטליכע טעג.

אינטערעסאנטער פראצעס פון פעלצער'ס פאבריק וועגען א פאטענט.

אין היגען קרייז-געריכט וועט צום צווייטען מאל די טעג פארקומען אן אינטערעסאנטער פראצעס וועגען א פאטענט.

די גרויסע פראנצויזישע פירמע פעלצער אין אונזער שטאדט בעשטעהט אייגענטליך פון 2 פאבריקען: א וואלשפינערייי און א גארבערייי. אין משך פון יאהרען פלעגען די פעלצער'ס אויסקויפען בלויז 1 פאטענט פארביידע פאבריקען. מיט אונגעפעהר צוויי יאהר צוריק האט אבער דער שטייער-אמט דאס קוועסטיאנירט און פערלאנגט, אז די פירמע זאל אויסקויפען צוויי בעזונדערע פאטענטען. גלייכצייטיג האט דער שטייער-אמט געמאכט דעם דירעקטאר דע האגען און דעם הויפט-בוכהאלטער מארטענס א שטראף פון 250 טויזענד זלאטעס.

די דירעקציע פון דער פאבריק האט דאן אפעלירט געגען דער שטראף-אויסמעסטונג צום קרייז-געריכט, וועלכעס האט דעם ה' מארטענס פרייגעשפראכען און דעם דיר. דע האגען פערקלענערט די שטראף ביז 13.800 זל. פעראָרדנענדיג איהם גלייכצייטיג אויסצוקויפען פאטענטען פאר די אבגעפלאסענע 3 יאהר.

געגען דעם דאזיגען אורטייל האט דיר. דע האגען אריינגעטראגען א קאסאציע אין העכסטען געריכט, וועלכעס האט דערווייטערט דעם אורטייל פון קרייז-געריכט און איבערגעשיקט דעם ענין נאכאמאל צו בעטראכטען אין אנ'אנדער ריכטער-קאמפלעט.

אזוי ארום וועט דעם נאהנטסטען פרייטאג דאס היגע קרייז-געריכט ווידער בעטראכטען דעם פראצעס, וועלכער טראגט א פרינציפיעלען כאראקטער.

אין נאמען פון דער פירמע פעלצער וועט ארויסטרעטען אפל. אדוו. האסענפעלד, וועלכער האט אויך פערטיידיגט דעם דיר. דע האגען בעת דעם 1-טען פראצעס.

סטאטיסטיק פון אנשטעקענדע קראנקהייטען און טויטפאלען אין טשענסטאכאוו.

די שטאדטישע געזונדהייטס-אבטיילונג האט פערגאנגענע וואך פערצייכענט 20 פאלען פון אנשטעקענדע קראנקהייטען, פון דעם: בויך טיפוס — 2, שקארלאטינע — 3, דיפטעריט — 1, מאזלען — 11 און אנדערע — 3.

אין דער זעלבער וואך זענען אין אונזער שטאדט געשטארבען 25 קריסטען און 11 יודען.

קליינגקייטען.

מען דארף דאך יא עקזאמענס...

כ'ווייס נישט פארוואס די יודישע סוחרים האבען אויפגעהויבען אזא געוואלד צוליעב דעם אינדוסטריע-געזעץ, וואס וועט צווינגען די סוחרים אבצוגעבען עקזאמענס, מה רעש—וואס איז דער הארמידער מיט די פראטעסט-מיטינגען און מיט די דעפעשען צום האנדעלס-מיניסטער?

לויט דעם ווי איך אבסערוויר און הער די שטימונג צווישען די סוחרים גופא, ווייזט זיך ארויס, אז אזעלכע עקזאמענס זענען גאר א נויטווענדיגקייט. ווען עס זאל בלייבען חס ושלום אזוי ווי עס איצט, וועלען איבערהויפט אין דער נאהנטסטער צוקונפט קיין סוחרים נישט זיין און במילא וועט נישט זיין ווער עס זאל אבגעבען עקזאמענס.

געוועזן איז דאס אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון סוחרים און פאבריקאנטען-פעראיין. ווען ס'איז שוין כמעט געווען ערלעדיגט דער סדר-היום האט זיך אויפגעשטעלט דער סוחר קעמפנער און מיט'ן גאנצען ביטערניש, וואס האט זיך אנגעזאמעלט אויף זיין הארצען אין משך פון יאהר, האט ער געגאסען פעך און שוועבעל אויף דעם, וואס די סוחרים האבען נישט קיין אהנונג וועגען מסחר, מאכען קאליע די פרייזען און האנדלען אזוי, אז זיי דעמאראליזירען דעם קונה און זיך אליין מאכען זיי דעם טויט. פערשטענדניש דארף זיין — האט ער געדונערט; די פערוואלטונג פון סוחרים-פעראיין דארף איינארדנען לעקציעס און לערנען די סוחרים האנדלען אנשטענדיג, רעגולירען די פרייזען און זיין אויסער סוחרים אויס מענשען.

— מסכים, מסכים!—האבען אלע צוגעגעבען און אפילו דער פארזיצער פון דער פערזאמלונג, וועלכער קאן זיינע סוחרים'לעך דורך-און-דורך, בעת זיי קומען צו איהם אין באנק אריין נאך כסף, האט אויך איינגעשטימט, אז מען דארף די יודישע סוחרים אויסלערנען האנדלען. די מעשה איז נאר, וואס אין דער היינטיגער אונגארמאלער צייט קאן מען זיך אויף אזא לוקסוס נישט ערלויבען, ווייל ס'וועט סיי-ווי-סיי נישט העלפען. אז מען דארף אבער האבען עקזאמענס פאר סוחרים, דאס האבען אלע אנערקענט.

אויב אזוי, טא וואס איז דער געוואלד, זעהט זיך דאך אויס, אז מען דארף יא די עקזאמענס...

דאס איז א זיכער פערדינסט.

אין רוג נייעם מארק און אגראדאווא איז פערהאן א טרעגער-סטאציע.

שטעהן זיי דארט די טרעגער א גאנצען טאג, ווינטער אין די קעלטען און זומער אין די היצען און ווארטען אויף א פערדינסטעל.

היות אבער, ווי פערדינסטען געהערען צו דער אלטער לאנג-פערגעסענער פערגאנגענהייט, טרעפט טאקי א סך טעג, וואס זיי געהען אהיים אהן א „פאטשאנטעק" און טאמער טרעפט, אז עמיצער פון די סוחרים דערמאנט זיך אמאל אין א טרעגער און ער גיט איהם א רוף, קוקען אלע אויף איהם מיט קנאה'דיגע אויגען: אט איז א גליקליכער...

אזוי געהט עס טאג איין, טאג-אויס.

איינמאל אבער אין טאג, אוונדצייט, לעבען די טרעגער אויף, מען רופט זיי אלע צוזאמען אויף א זיכער פערדינסטעל און זיי לויפען טאקי מיט דעם גאנצען אימפעט.

דאס רופט מען זיי דאווענען מנחה-מעריב אין דעם בית-התפילה, וואס געפינט זיך אויף אגראדאווא 4, ווייל עס פעהלט אויס מנין. די דאזיגע טרעגער לאזען זיך טאקי נישט לאנג בעטען און געהען מיט שוואכע אבער זיכערע טריט דאווענען מנחה, טראכטענדיג: אויב מען קאן נישט פערדינגען, כדי צו לעבען אויף דער זינדיגער ערד, טא זאלען זיי כאטש זיך מאכען א פערדינסטעל אויף עולם הבא, וואס איז לויט זייער מיינונג, א זיכער פערדינסטעל...

א געזונד אין זייערע ידים.

פיעל מאל האב איך שוין בעריהרט די טעמא, פונדעסטוועגען קאן איך מיך נישט בעהערשען זי צו דערמאנען ביי יעדער געלעגענהייט נאכאמאל און נאכאמאל.

איך מיין די באקסער-מעטשען צווישען וועלכע עס נעמען אויך אנטייל אונזערע היימישע יודישע יאטען.

דער באקס אלס ספארט איז נישט שטארק סימפאטיש, איבערהויפט פאר א יודען אין דער היינטיגער צייט אבער, ווען א פויסט דעצידירט אין די וויכטיגסטע מלוכה-ענינים, דערצו נאך, ווען מיר יודען פיהלען אויף שריט און טריט די פרעמדע פויסט אויף אונזערע פלייצעס, מוז איך בעזינגען אויך די שטארקע פויסט פון אונזערע יאסעלען און ישראל'עקלעך.

ביים ספארט-קלוב „מכבי" עקזיסטירט א באקס-דרוזשינע, וועלכע איז נאך אנ'איבערבלייבעכץ פון יודישען טורן און ספארט-פעראיין. די גאנצע צייט אבער, זינט עס איז פון ספארט-קלוב געווארען דער „מכבי", זענען זיי נישט ארויסגעטרעטען מיט קיין איין באקס מעטש, ענדליך זענען זיי דעם היינטיגען מאנטאג ארויס מיט א מעטש געגען אנ'אויבערשלעזישע שטארקע דרוזשינע.

אז דער יודישער עולם, וועלכער פערהאסט די פויסט, האט געענדערט זיין מיינונג, איז דער בעסטער בעווייז דאס דער זאל איז געווען איבערפולט פון א יודישען עולם און הונדערטער מענשען האבען געמוזט אהיימגעהן, נישט קאנענדיג זיך אריינבעקומען אין זאל.

דער מעטש איז זעהר אינטערעסאנט געווען, געגען הויכע געזונדטע שקצים, וועלכע זענען בעקרוינט מיט וויצע און גאנצע מיסטזשען, האבען זיך געשטעלט אונזערע פערחושכ'טע גלות-יונגלעך. און דער רעזולטאט? אז יענע האבען בעקומען געשלאגען אויפ'ן גאנצען פראנט און דער יודישער עולם האט געהירזשעט פאר פרייד און ביי יעדען זעץ, וואס דער יודישער באקסער האט געגעבען, איז ער בעגלייט געווארען מיט אינערליכער פרייד און עס האט זיך געדאכט, אז יעדער טראכט זיך: אט דאס איז פאר דעם שטיין, וואס איך האב בעקומען פון דיינס א חבר; דאס איז פאר דעם שטעקען, וואס האט זיך געגליטשט אויף מיינע פלייצעס פאר גארנישט און ווידער-נישט...

א שאד נאר, וואס מיר, יודען, זענען צופיעל דזשענטעלמענער. מיר ווילען נישט ארויסווייזען פאר זיי, אז מיר פרעהען זיך, ווען, למשל, אונזער א חברה-מאן האלט אין איין דרעשען דעם געגנער און דער עולם גיט אונטער מוט און שרייט: „גיב איהם", ווערען די ארדנער אויפגערעגט און רופען דעם עולם צו ארדנונג.

פארוואס? מיר האבען אויך דאס רעכט זיך צו פרעהען, זעהענדיג, אז אונזערע יונגלעך קאנען געבען א גוטען געזונדטען קלאפ. מיר האבען זיך נישט צו שעהמען און פאר קיינעם נישט צו מאכען קיין זשעסטען. און טאקי דערפאר, וואס בעת די קאמפען איז מיר נישט דערלויבט געווען צוליעב דעם אויבענדערמאנטען טעם אויסצודריקען אפען מיין פרייד, טהו איך עס איצט און שריי אויס מיט'ן גאנצען קול: טייערע יודישע יאטען, א געזונד אייך אין אייערע ידים!...

סמאל

אַנ'אינטערעסאַנטע בראָשור פון היגען רב.

ס'איז אַרויס פון דרוק א זעהר אינטערעסאַנטע בראָשור אין דער יודישער שפּראַך פון היגען רב ר' נ ה ו ם אַ ש א.ג. „עולת שבת". די דאָזיגע בראָשור ענטהאַלט די רעדע, וועלכע דער השוב ער רב האט נישט-לאַנג צוריק געהאַלטען אין דער שוהל „אהל יעקב" צו דער 70-יעהריגער עקזיסטענץ פון דער דערמאהנטער שוהל. דער לייטמאָטיוו איז דאס אָבהיטען שבת פון רעליגיעזען און נאַציאנאלען שטאַנדפּונקט.

די געדאַנקען זענען זעהר שאַרפזיניג, געשריבען אין א לייכטער און שעהנער יודישער שפּראַך, אזוי אז די בראָשור דאַרף פון יעדען געלעזען ווערען.

די בראָשור, וועלכע מאַכט אויסערליך א זעהר גוטען איינדרוק, איז געדרוקט אין דער דרוקעריי פון ה' באָטשאָן. בעקומען קאָן מען זי ביי ה' אַש, פּילסודסקי 11 און ביי ה' באָטשאָן, 1-טע אַלעע 6.

איינשרייבונגען אין די פּאָווסעכנע שולען נר. 12, 13 און 15.

זונטאג, דעם 8 אַפּריל הויבען זיך אָן די איינשרייבונגען אין די פּאָווסעכנע שולען נר. 12, 13 און 15, וועלכע וועלען דויערן ביז דעם 15 אַפּריל.

די דאָזיגע איינשרייבונגען זענען נוגע אַלע קינדער, וואס זענען געבוירען אין די יאָהרען פון 1922 ביז 1928, סיי די וועלכע זענען נאך אין דער שולע נישט געגאַנגען, סיי די, וואס געהען שוין אין דער שולע. אלע קינדער מוזען צו דער איינשרייבונג אומבעדינגט מיטברענגען מיט זיך זייערע מעטריקעס.

דאס איינשרייבען קומט פאר אין לאקאל פון דער שולע אויף נאַרוטאַוויטשאַ 19—23.

די פאָרשטעהענדע ברוקיר-אַרבייט אין טשענסטאָכאָוו.

די שטאָדטישע טעכנישע אָבטיילונג טרעט-צו אויסצופיהרען א רייה ברוקיראַרבייטען אין די טשענסטאכאווער גאַסען. קודם כל וועט אויסברוקירט ווערען דער נאַרוטאָוויטשא מאַרק אויף זאַוואַדזיע, ווי אויך א רייהע גאָסען, וואו ס'וועט אויסגעבויט ווערען א נייער קוואַרטאַל פון קליינע וואוינהייזער א.ג. מיראַ'ו זאַוואַדזיע. ביי די דאָזיגע אַרבייטען וועלען זיין בעשעפטיגט אַרום 60 אַרבייטער.

אויף סטראַדאָם וועט אויסגעפלאַסטערט ווערען מיט פעלד-שטיין א טייל פּיאַסטאָווסקא גאס, וואס ליגט צווישען די גאָסען קאָשטשעלנאַ און סאַביגאַווסקאַ. דאס אויספיהרען די דאָזיגע אַרבייט איז איבערגעגעבען געווארען דעם אינזש. יאַשינסקי.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויסברוקירען די דערמאַנטע גאָסען, האט די שטאָדטישע בעטאָן-פאַבריק, וואס ווערט געפּאַכטעט דורך דעם אונטערנעמער קאָטשאַלעק, אָנגעהויבען אויסצואַרבייטען ברעג-שטיינער (קראַוועזשניקעס) ווי אויך בעטאָן-פּליטען, מיט וועלכע ס'וועלען אויסגעלעגט ווערען די טראָטואַרען אויף שלאַנסקא גאָס.

די יוגענד פאַר „קרן הישוב".

רינג-קייט.

אין ווייטערדיגען המשך האָבען זיך אויפ'ן ערשטען רוף אָבגערופען:

אברהם שפּילמאַן מיט 5 זל. און רופט ארויס די ה"ה יצחק סאַמסאָנאָוויטש, מאָטיל באַרזיקאָווסקי, משה קאָפּלאַן און ישעי' לאַנדוי.

ב. ראַבינאָוויטש — 5 זל. און רופט אַרויס: ל. קאָפּלאָוויטש, אלי' מילשטיין, מרדכי גרשון ווילינגער.

י. מ. גאָלדרייך ענטפערט דעם ה' א. הערץ מיט 5 זל. און רופט אַרויס די ח"ח: לייביל פּיעטריקאָווסקי, לייב דזובאָס און ל. פּעפּער.

ליעבגאָט — 3 זל. רופט אַרויס ה' בונם רובינשטיין, הירשל רייכמאַן, לייבעל וועקסלער, ישראל מאַרקאָוויטש.

יוסף זשולטאָבראָצקי ענטפערט דעם ח' זלמן וועלטמאַן מיט 5 זל. און רופט אַרויס: אברהם ראָזענצווייג, ארי' לאַנגפוס, נטע קופער, רפאל לאַנדוי.

יוסף באָמאַץ — 3 זל. רופט אַרויס: יוסל לאַנדוי, משה פייגע (לובליניעץ) מאיר און לייביל סטאָביעצקי.

לייביל איצקאָוויטש — 3 זל. רופט אַרויס: איטשה גאָד, יעקב קליינער.

אברהם יוסף שווינקעלשטיין — 2 זל. רופט אַרויס: מענדל רובינשטיין, משה שוויאָטלאָווסקי.

עאוגעניוש באָדאָ אין קינאָ „עדען"

אין קינאָ „עדען" געהט זייט עטליכע טעג דער נייעסטער הומאָרפולער פּוילישער פילם „דער זינגער פון וואַרשא", אין וועלכען די הויפּט-ראָל שפּיעלט דער פּאָפּולערער פּוילישער רעווי-אַרטיסט עאוגעניוש באָדאָ.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויסשטעלען זיין לעצטען פילם איז עאוגעניוש באָדאָ ספּעציעל אַראָבגעקומען נאָך טשענסטאכאוו אויף 2 טעג (נעכטען און היינט) און נאָך יעדען סעאַנס שטעלט ער זיך פּערזענליך פאר דעם פּובליקום.

3 פאָרשטעלונגען פון „אורקע נאַכאַלניק" אין „אַטלאַנטיק".

פרייטאָג, דעם 13 און שבת, דעם 14 ד. ח. וועלען אין זאַל פון קינאָ „אַטלאַנטיק" געגעבען ווערען 3 פאָרשטעלונגען פון דער שלאָגער-פּיעסע „אורקע נאַכאַלניק", וועלכע איז אין וואַרשאָווער סקאַלאַ-טעאַטער געשפּיעלט געווארען 130 מאָל נאָכאַנאַנד.

די פּיעסע וועט אויסגעפיהרט ווערען דורך די בעליעבטע אַרטיסטען שושנה און מאָריס לאַמפּע מיט זייער אַנסאַמבל, וואס בעשטעהט פון שמואל לאַגדע, שמחה וויינטרויב, העלענאַ גאָטליעב, ליובא ראָזענבערג, מיכאל קליין, רייזענבערג א. א.

דעמאָנסטראַציע פון אַרבייטסלאָזע.

נעכטען אַרום האַלב 11 פריה איז פאר דער געביידע פון דער סטאַראָסטווע און אויפ'ן מאַגיסטראַט-פּלאַץ פאַרגעקומען א דעמאָנסטראַציע פון אַרבייטסלאָזע, וועלכע האבען פערלאַנגט, אַז מען זאָל זיי בעשעפטיגען ביי די עפענטליכע אַרבייטען.

אזוי ווי די דעמאָנסטראַנטען האבען געמאַכט פערשידענע אויסרופען און נישט געוואָלט פערלאָזען דעם פּלאַץ, האט זיי פּאָליציי פונאַנדערגעטריבען.

היינט — דער טערמין צו צאָהלען די 7-טע ראַטע פון דער נאַציאָנאַלער הלוואה.

היינט דאָנערשטאג, דעם 5 אַפּריל איז צאָהלבאַר די 7-טע ראַטע פון דער נאַציאָנאַלער הלוואה פאר די, וועלכע צאָהלען אויס די הלוואה אין 11 ראַטעס. די אָבליגאַציעס וועלען די דאָזיגע סובסקריבענטען בעקומען ערשט אין הערבסט. דאַגעגען די יעניגע, וועלכע האבען שוין די גאַנצע הלוואה בעצאָהלט אין 6 ראַטעס וועלען די אָבליגאַציעס בעקומען שוין אין יולי ה. י.

דערביי איז כדאי צו בעמערקען, אַז די אָבליגאַציעס פון דער נאַציאָנאַלער הלוואה זענען נאמענטליכע און אלס אזעלכע וועלען זיי ארויסגעגעבען ווערען נור די יעניגע פּערזאָנען, אויף וועמענס נאָמען די סובסקריפּציע איז געמאַכט געווארען. דער גענעראַל-קאָמיסאָר פון דער נאַציאָנאַלער הלוואה וואָרענט דעריבער נישט צו קויפען ביי דריטע פּערזאָנען די קוויטעס אויף דער הלוואה, וואס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען די פּערזאָנען, וועלכע האבען שוין גענצליך איינגעצאָהלט די דעקלאַרירטע סומע.

„אָנקעל מאָזעס" אין קינאָ „לונאַ"

די דירעקציע פון קינאָ „לונא" האט לכבוד יום-טוב אַראָבגעבראַכט א יודישען קלאַנג-פילם „אָנקעל מאָזעס".

דער דאָזיגער פילם איז אינסצעניזירט געוואָרען לויט דעם בערימטען ראָמאַן „אָנקעל מאָזעס" פון אונזער גרויסען יודישען שרייבער, שלום אַש.

די הויפּט-ראָל ווערט אויסגעפיהרט דורך דעם בעוואוסטען יודישען אַקטיאָר דעם ליבלינג פון יודישען פּובליקום אויף דער גאַנצער וועלט, מאָריס שוואַרץ. הוץ איהם טרעטען נאָך אַרויס אין פילם: דער בעריהמטער יודיש-אַמעריקאַנישער ראַדיאָ-זינגער ראובן גאָלדבערג, די אַקטריסע יהודית אבאַרבאַנעל און פיעל אַנדערע.

דער פילם שילדערט דאס לעבען פון יודען אין אמעריקא און ענטהאַלט פיעל האַרציגע יודישע ניגונים.

לייביש נאָוואַק נ"ע.

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז אין עלטער פון 67 יאָהר געשטאָרבען דער אין אונזער שטאָדט בעקאַנטער סוחר און הויז-בעזיצער לייביש נאָוואַק.

דער פערשטאָרבענער האָט זיין גאַנץ לעבען זיך געווידמעט דעם מסחר, וועלכען ער האָט אַוועקגעגעבען זיין גאַנצע ענערגיע און פעהיגקייטען. דערביי האט ער אָבער געשטרעבט צו בילדען זיינע קינדער, נישט קארגענדיג קיין געלד.

די דאָזיגע מיה האט זיך איהם גוט איינגעגעבען. אזוי למשל האט איין זוהן געענדיגט יורי און פערנעמט איצט דעם אַמט פון אַנ'אויספאָרשונגס-ריכטער אין סאָסנאָוויץ, אַ צווייטער זוהן איז דאָקטאָר מעדיצין, אַ טאָכטער אַ דענטיסטין. די אַנדערע קינדער זענען אָנשטענדיגע סוחרים, וועלכע זענען געשעצט ביי דער היגער בעפעלקערונג.

אין דער לויה האָבען זיך בעטייליגט גרויסע מאַסען מלוים, וועלכע האָבען דעם נפטר אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד.

„ATLANTIC"

אַגראַדאָווא 14.

מעכטיגער פילם פון סאָוויעטישער - פּראָדוקציע!

ZIEMIA PRAGNIE

אַלס צווייטער פּראָגראַם — סענסאַציע!

דער לאַנג-ערוואַרטעטער אונפערגלייכליכער

טאָם מיקס אינ'ם פילם א. ט.:

4 uciekinierów

Kino „EDEN"

פון זונטאָג, דעם 1 אַפּריל און ווייטער

דער נייעסטער, פרעהליכסטער, אינטערעסאַנטער און בעסטער פּוילישער פילם

Pieśniarz Warszawy

אין די הויפּט-ראָלען:

עאוגעניוש באָדאָ, מ. גאָרטשינסקאָ, וו. וואָלטער, ב. גילעווסקאָ און אנד.

אויסגעצייכענטע אויסער-פּראָגראַמען

פּאַקס - קלאַנג - וואָך

פּרייזען געוועהנליכע טראָץ די גרויסע קאָסטען.

Kino „LUNA"

היינט פּרעמיערע פון יודישען קלאַנג-פילם

אָנקעל מאָזעס

לויט דעם וואונדערבאַרען ראָמאַן פון

שלום אַש

אין דער הויפּט - ראָל:

דער קעניג פון די יודישע אַקטיאָרען

מאָריס שוואַרץ.

אויף דער סצענע — אַ רעוויע

פון ספּאָרט

מכבי — י.ק.ב. (שוויענטאָכלאָוויצע)

מאָנטאָג אָוונד איז אין זאַל פון „מכבי" אויף אגראדאווא פאָרגעקומען א באָקס-מעטש צווישען די אויבענדערמאָנטע קלובען. דאס איז געווען דער ערשטער אַרויסטריט פון „מכבי" אין היי-יעהריגען סעזאָן. ס'איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואס דער זאַל איז געווען פול-געפּאַקט און פיעל מענשען זענען אַוועק צוליב דעם גרויסען געדראַנג.

פּאָרמעטש:

אין דער פּאַפּיר-וואָג האבען געקעמפט „יאַש" — ווייסבערג. יאַש האט געוויזען א שעהנע טעכניק. דער קאַמף איז געווען א נישט ענטשידענער. אין דער זעלבער וואָג האבען געקעמפט בערקאָוויטש—יאַכימאָוויטש. געווינען האט אויף פּונקטען יאַכימאָוויטש.

דער מעטש:

אין דער פּאַפּיר-וואָג האבען געקעמפט אהן רעזולטאַט ווינגדמאַן—פּרזשעדזינסקי.

פליגען-וואָג: שילניצקי (מכבי) — מראָזשעק (מייסטער פון שלעזיען). מראָזשעק'ס איבערגעוויכט. דער קאַמף — אונענטשידען.

האָחן-וואָג: זילבערבערג — שווינטוג. זילבערבערג ווייזט ארויס א סך אויסדויער און זיעגט אויף פּונקטען.

פעדער-וואָג: י. כליוונער — מארעק. כליוונער בעזיעגט זיין געגנער אויף פּונקטען.

האַלב-מיטעל-וואָג: בינדער—וואָזשניאַק בינדער קעמפט זעהר שעהן, בעזיצעדיג א סך באָקסער-טעכניק בעזיעגט ער זיין געגנער מיט א טעכנישען נאָק אוט.

מיטעל - וואָג: שיין — האָפּמאַן אָהן רעזולטאַט.

ווי ס'איז פון די רעזולטאַטען צו זעהען, האבען זיך אונזערע מכבי'ער גוט רעפּרעזענטירט, בעזיעגענדיג דעם וויצע-מייסטער פון שליעזען אין דער הויכער פּראָפּאָרציע 3:9.

ריכטער אין רינג — ה' בריל, צייטצעהלער — ה' נ. טייכנער.

ען—גע.

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט דער עפענטליכקייט, אַז די

חלוצישע גערטנער - פערמע

נעמט אָן פערשידענע פּאַכאָווע אַרבייט ווי: טישלעריי, שלאָסעריי, שוסטעריי, פלעטשאָנקעס, שוואַרצע אַרבייט, ווי אויך כל'ערליי ג ע ר ט נ ע ר - אַרבייט: דעקאָרירען קברים, באַלקאָנען, איינאָרדנען גאָרטענס א. א.

מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען דירעקט אויף דער פערמע טעל. 25-35 אָדער שריפטליך FERMA skrz. poczt. 18

יעדע אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט רעיעל און פּינקטליך.

די חלוצים פון דער גערטנער-פערמע.

די שענסטע

אַמביליגסטען און אויף בעסטע בעדינגונגען

מיהר איך אויס אַלערליי מאלער-אַרבייט

ד. דזיאַלאָוויטש

יאַסנאָגורסקאָ 19 טעלעפאָן 17-37

Hurtowy skład cerat, linoleum i przyborów tapicerskich

I. HOLAND i S-ka

איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויף נייער מארק 3 №

און האט אויפסלאגער א גרויסען אויסוואהל:

כאָזיניקעס, דיוואַנען, פלושען, לינאָלעאום, אַפּאָנעס (ברעזענט), שעניקעס, פעלד-בעטלעך אַלץ צו ביליגע פּרייזען.

י. האָלאַנד און קאָמפּ., נייער מאַרק 3.

2 זלאָטעס א ליטער 2 זלאָטעס א ליטער

די לאַנג-בעוואוסטע מעד-און וויין-פאַבריק אינה. יוחנן לענטשנער

גאַריבאַלדי-גאַס 15

מאַכט בעקאַנט, אז אין מיין פאבריק, אויך אין געוועלב פון ה' בעריש טשענסטאָכאָווסקי אַגראָדאָווא 1 בעקומט מען א ליטער וויין, אויך א ליטער מעד צו 2 זל.

כשר לפסח זעהר גוטע סחורה, זיס, שטאַרק, עכטער טרויבען-וויין און אַלטען קורזעליוער מעד צו זעהר ביליגע פּרייזען. — ספּעציעל מעד פאר קינדער, וואס מאָזלען צו בעקומען א גאַנץ יאהר.

איך האָף, אַז די ג' קונדשאַפט וועט זיין העכסט צופרידען. מיט אכטונג יוחנן לענטשנער

די פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

טשענסטאָכאָוו, ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע

ספּעציאַליטעט:

1. צו פאַרבען לויט מוסטערן,
2. דעטאַשירען (אַרויסנעמען פלעקען אָהן וו שען),
3. אָבטיילונג כעמיש צו רייניגען, פוצען ון פ רעסען קאַפּעלושען.

וואַשען מענער - וועש אויף שטייף מיט א דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

דער אַנשטאַלט ווערט געפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַן אַבסאָלווענט פון דער כעמיש-אינד. שולע אין ווארשא מיט א לאַנגיעהריגער פּראַקטיק אין ווארשא און לאָדז. קאָנקורענץ-פּרייזען